יודען, געדענקט, אז דער קאמף געגן די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד דויערט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשן

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 235 | Łódź, Środa, 9 października 1935. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, י״ב תשרי תרצ״ו | № 235

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

איטאליענער פערנומען אקסום

די ווילדע צושניידען זייערע קרבנות. — אמגעסטירטע אביסינישע ארעסטאנטען נעהמען אפ ביי די איטאליענער אואל־אואל. — איטאליענישע פולקען שטארבען אויס פון דורשט. — אייז איטאליענישע ארמעע ארומגערינגעלט. — אביסיניען גרייט זיך צו אן אלגעמיינער קאנטער־אפענסיווע

בלוטיגע שלאכטען אויפ'ן גאנצען פראנט

פאריז, 8 (ספ. טעל.)

היינט איז דורך די איטאליענער פערנומען געווארען די הייליגע אביסינישע שטאט אקסום. מיט'ן פערנעהמען דעם דאזיגען פונקט וועלען די איטאליענער נישט מעהר דארפען קריכען אויף בערג פון 2000 מעטער, נאר וועלען געהען אין טאל, וועלכע האלט 300 קילאמעטער. די איטאליענישע ארמעע וועט איצט קענען צוקומען אין צענטער פון אביסיניען.

לאנדאן, 8 (ספ. טעל.)

לויט ידיעות פון אסמארא און אדיס־אבעבא האט דאס אביסינישע מיליטער נאך נישט רעזיגנירט פון צוריקנעהמען אדוא פון די איטאליענישע הענט.

די פערגאנגענע נאכט איז געווען א זעהר פינסטערע אזוי, אז די איטאליענישע עראפלאנען און ארטילעריע האבען נישט געקענט אנטיילנעמען אין קאמף. דאס האבען אויסגענוצט די אביסיניער און זענען צוגעקומען נאהענט צו דער שטאט, אין דער פארשטאט האבען די אביסיניער אויסגעמארדעט אן'איטאליענישע פלאצובקע פון 12 מענשען.

דער אנפאל איז פארגעקומען אזוי שטיל, אז מ'האט זיך דערוואוסט וועגען איהם ערשט דעמאלס ווען אן'אנדער אפטיילונג איז געקומען טוישען די צוועלף פערזאן. **די איטאליענישע זעלנער זענען אויסגעמארדעט געווארען מיט מעסערס און די ווילדע האבען זיי אפגעשניטען די רעכטע הענד.**

פארטאגס ציהען זיך די אביסיניער צוריק אין די בערגער.

קיין לאנדאן זענען אנגעקומען ידיעות, וועלכע בעווייזען, אז די איטאליענישע אפיציעלע קאמוניקאטען זענען נישט ריכטיג, אויפ'ן פראטעסט פון נעגוס צו דער פעלקער־ליגע, אז די איטאליענישע עראפלאנען האבען באמבארדירט דאס שפיטאל אין אדוא, אויף וועלכען ס'האט געפלאטערט די פאהן פון רויטען־קרייץ, האבען די איטאליענער געענטפערט, אז די אביסיניער מיסברויכען מיט'ן פאהן פון רויטען קרייץ און זיי הענגען איהם אויף אויף בנינים, אין וועלכען ס'געפינט זיך מיליטער און האבען געלייקענט, אז זיי האבען בעווארפען דאס שפיטאל מיט באמבעס, איצט ווייזט זיך ארויס, **אז דאס שפיטאל ליגט אין חורבות און בעת דער באמבארדירונג זענען אפילו אומגעקומען 2 אמעריקאנער קראנקען שוועסטער.**

ערשט איצט קומען אן גענויערע פרטים וועגען דעם שלאכט הינטער אדיגראט, געגען דער שטאט זענען געווארפען געווארען נעגערישע אפטיילונגען פון איטאליענישען מיליטער, בעת דעם צוזאמענשטויס מיט די אביסיניער האבען זיי זיך אויפגעפיהרט אזוי ווי זייערע געגנער, זיי האבען אוועקגעווארפען די ביקסען און זיך געווארפען מיט די באגנעטען. די שלאכט וועגען אדיגראל איז געווען בלוטיגער און גרויזאמער ווי דער קאמף וועגען אדוא. נאכ'ן ערארבערן דישטאט האבען די וואהנזיניגע **איטאליענישע נעגערס אויסגעמארדעט 700 איינוואוינער, אממייסטען פרויען און קינדער.**

לויט די אנגעקומענע בעריכטען זענען די בלוטיגע קאמפען אויף צפון און די אפענסיווע פון עריטרעא נאך אן'.איטאליענישער מאנעוור, וועלכער בעצוועקט אז דאס אביסינישע מיליטער זאלען זיך צונויפזאמלען אויף צפון, בעת פון דער זייט פון סאמאלא ווערט צוגעגרייט א גרויסער אנגריף, פון וועלכען ס'דארף אריינפאלען אין די הענט פון איטאליענישען מי־

ליטער גאנץ אגאדען. שוין איצט ווערען אין דער געגענד פון אואל־אואל און זשערלאזשובי געפיהרט בלוטיגע קאמפען.

מיט א געוואלדיגער העלדישקייט האט זיך אויסגעצייכענט אויף דעם פראנט אן'אפטיילונג פון 2000 **ארעסטאנטען, וועלכע זענען אמנעסטירט געווארען דורכן קייזער אהן געוועהר האבען די ארעסטאנטען ארויסגעשטויסען די איטאליענער פון אואל־אואל.** די קאנטער־אטאקעס פון די איטאליענער האבען נישט געהאט קיין ערפאלג. אואל־אואל געפינט זיך איצט אין די הענד פון די אביסיניער. דארט איז זעהר וויכטיג די וואסער־סטאציע, וועלכע האט צוגעשטעלט וואסער די איטאליענישע אפטיילונגען וועלכע אפערירען אין דער מדבר.

לויט ידיעות פון אדיס־אבעבא זענען עטליכע איטאליענישע פולקען אפגעשניטען פון די וואסער־טראנספארטען אין אואל־אואל און געפינען זיך טיף אין דער מדבר, **זיי גיבען פערצווייפעלטע ראדיא - סיגנאלען נאך וואסער. וואסער קען מען זיי נאר צושטעלען, אויב די אביסיניער וועט זיך איינגעבען נישט צוצולאזען די עראפלאנען, דעמאלס זענען די איטאליענישע פולקען פערמשפט צו א דורשט־טויט.**

א חוץ די ארעסטאנטען קעמפען אויפ'ן דרום־פראנט א טייל פון אביסינישען סקויטען־קארפוס. די זעלנער צעהלען פון 12 ביז 16 יאהר. נישט קוקענדיג אויף דעם עלטער איז דאס אן'אויסגעצייכענט מיליטער, זיי האבען מארערן געוועהר פון עגיפטען און מאשין־געוועהר.

לאנדאן, 8 (ספ. טעל.)

אלע ענגלישע קארעספאנדענטען זענען איינינג דערין, אז דער איטאליענישער נצחון ביי אדוא איז נישט קיין געוואלדיגער. די איטאליענער האבען דארט געהאט אן'ארמעע פון 100 טויזענד מאן, די אביסיניער נאר פון 25 טויזענד. א חוץ דעם האבען די אביסיניער ערשט געשטעלט א העפטיגען ווידערשטאנד ביי אדיגראט, אדוא און אקסום. די איצטיגע קאמפען האבען ארויסגעוויזען די גרויסע שוועריגקייטען פאר די איטאליענער און בעוויזען, **אז דאס איז ערשט א פארשפיל צו דער ריכטיגער מלחמה.**

די איטאליענער פערשטארקען כסדר די פראנט גרופעס. די סאפערען - אפטיילונגען רייסען אויף די סקאלעס און טויזענד קוואליפיצירטע ארבייטער בויען וועגען, וועלכע מאכען מעגליך דאס צושטעלען פון שווערען געוועהר און די ליפערונג פון אמוניציע, לעבענס־מיטעל און וואסער.

די דאזיגע ארבייטען ווערען אבער בעשווערט צוליב די כסדר'דיגע אנפאלען פון פארטיזאנער גרופען, וועלכע בעפאלען די ארבייטער און פערניכטען די וועגען.

אדיס־אבעבא, 8 (ספ. טעל.)

א פליה־אפטיילונג פון ראסא אנדיוו האט דורך א נאכט־אנגריף צושמעטערט אן'איטאליענישען באטאליאן, וועלכער איז נעגענאנגען קיין זשערלאזשובי. 40 זעלנער און 2 אפיצירען זענען גענומען געווארען אין געפאנגענשאפט.

איבער מאנדאלא האט זיך נעכטען בעוויזען א איטאליענישע פליה - עסקאדרע פון באמבען־ערעא פלאנען. ס'זענען אראפגעווארפען געווארען פלוגבלעטער אין דער אמהארישער שפראך, אין וועלכע די איטאליענער שטעלען זיך פאר אלס שליחים פון גאט צו בעפרייען די בעפעלקערונג פון דער קנעכטשאפט ביי דער אביסינישער רעגירונג, זיי פאדערן אויף די בעפעלקערונג צו אן'אויפשטאנד געגען דער דינאסטיע פון נעגוס.

ווען די בעפעלקערונג האט אנגעהויבען שטארק צו בעשיסען די עראפלאנען, זענען געווארפען געווארען באמבעס אויף דער **שטאט. אין דער דאזיגער עסקאדרע דינען 2 מוסולמענישע זיהן וויקטאר און ברונא.**

ביז איצט האבען די אביסיניער נאך נישט געווארפען אויפ'ן פראנט זייערע הויפט־כחות, ערשט איצט ווערט געענדיגט די אקציע פון דער אלגעמיינער מאביליזאציע. דער אביסינישער שטאב בערעכענט דיאיצטיגע כחות פון דער שווארצער ארמעע

(ווייטער זעה 3־טע זייט)

די פעלקער־ליגע וועט ווידער וועהלען א קאמיטעט

היינט א פלענארע זיצונג וועגען אננעהמען סאנקציעס

פאריז, 8 (ספ. טעל.)

„האוואס" מעלדעט, אז די פעלקער־ליגע וועט אויסטיילען א ספעציעלען קאמיטעט, וועלכער וועט דארפען פרעציזירען די עקאנאמישע און פינאנציעלע מיטלען, וועלכע ווערען פארגעזעהען אלס סאנקציעס לויט'ן ארט. 16.

דער היינטיגער טאג אין גענף איז אדורך מיט די צוגרייטונגען מיט דער פערזאמלונג פון דער פעלקער־ליגע, וועלכע וועט קומען מארגען. די דיסקוסיע וועט זיך פערציהען ביז דאנערשטאג און דעמאלס וועט דער דערמאהנטער קאמיטעט געוועהלט ווערען. אין קאמיטעט וועלען אריין נאר די מלוכות, וואס וועלען אויסדריקען זייער גרייטקייט אנצווענדען סאנקציעס.

לאנדאן, 8 (ספ. טעל.)

דער קארעספאנדענט פון „טיימס" מעלדעט פון גענף, אז די פעלקער־ליגע לעבט איצט אדורך א שווערען קריזיס. די דעציזיעס פון דער פעלקער־ליגע זענען פערפליכטענד פאר אלע מיטגלידער פון דער ליגע, אבער די אויספיהרונג איז אפהענגיג פון גוטען ווילען פון יעדער מלוכה בעזונדער. אויף דער מלחמה־טעטיגקייט פון איטאליען וועט די ליגע צוערשט ענטפערען מיט פרידליכע מיטלען.

די דאזיגע סאנקציעס וועלען אבער האבען א וויכטיגע ווירטשאפטליכע בעדייטונג און קענען אפילו דערפיהרען צו א בלאקאדע פון דער מלוכה, וועלכע וועט אנערקענט ווערען אלס אנפאלער. דער פרעמיער לאוואל האט אונטערגענומען א נייעם פרוב צו פערמיטלען. ס'איז נישט פערהאן קיין שום ספק, אז פראנקרייך וועט נישט אונטערנעמען קיין אינדיווידועלע שריט. ווען אויף דער נעכטיגער זיצונג האט באראן אלאיזי פארגעלעגט אפצולעגען די דעציזיע אויף 42 שעה, האט לאוואל טראץ אלע ערווארטונגען נישט אונטערשטיצט די איטאליענישע שטעלונג.

פאריז, 8 (ספ. טעל.)

„מאטען" שרייבט, אז מ'דארף נישט ערווארטען קיין נייע פארשלאגען פון איטאליען אנצוהויבען אונטערהאנדלונגען. די איטאליענער האבען אנגעטראפען אין אביסיניען אויף גרויסע שוועריגקייטען, אויף וועלכע זיי האבען זיך נישט גערעכט. די איטאליענישע רעגירונג וויל האבען עטליכע גרויסע זיגען פאר'ן אנהויבען די אונטערהאנדלונגען. די נעכטיגע בעשלוסען פון דעם ראט פון דער פעלקער־ליגע האבען פערשטארקט די שטימונגען אין איטאליען געגען דער ליגע.

די פראנצויזישע פרעסע שרייבט, אז ענגלאנד האט איצט געוואונען די גרעסטע דיפלאמאטישע שלאכט זייט דער וועלט־מלחמה. פראנקרייך וועט ערפילען איהרע פערפליכטונגען בנוגע דער פעלקער־ליגע. די הויפט־אויפגאבע פון דער פראנצויזישער רעגירונג איז צו דערהאלטען דעם שלום.

לאנדאן, 8 (ספ. טעל.)

א גרויסער טייל פון דער ענגלישער פרעסע מיט „דיילי העראלד" בראש פאדערט גלייך אנצוהויבען די סאנקציעס געגען איטאליען און ווארפט פאר לאוואל'ן, אז ער קען זיך נישט דעצידירען. אין א גאנץ אנדערען טאן שרייבט די קאנסערוואטיווע „מארנינג פאסט". די צייטונג האלט, אז די ווירטשאפטליכע און פינאנציעלע סאנקציעס, וועלען איטאליען נישט צווינגען ארויסצוציהען איהר מיליטער פון מזרח־אפריקא. פון דער אנדערער זייט קענען די פעראָרדנונגען פון דער ליגע נאר אריינפיהרען א פערביטערונג און צורייצונג אין דער איטאליענישער עפענטליכער מיינונג. אויף דעם אופן פערגרעסערט זיך די געפאהר פון מלחמה. צום סוף ווייזט דער גרויסער קאנסערוואטיווער ארגאן אן אויף דער געפאהר פון א פערשטענדיגונג צווישען איטאליען און דייטשלאנד, וועלכע בעוואפענט זיך איצט זעהר שטארק.

גענף, 8 (ספ. טעל.)

דער פוילישער אויסערן־מיניסטער בעק האט היינט אפגעהאלטען א געשפרעך מיט'ן שוועדישען אויסערן־מיניסטער סאנדלער און מיט'ן פראנצויזישען פרעמיער לאוואל. יעדעס פון די געשפרעכען האט געדויערט איבער א שעה צייט.

רוים, 8 (ספ. טעל.)

די איטאליענישע פרעסע שרייבט, אז דאס איטאליענישע מיליטער וועט ווייטער געהען אין אביסיניען. דאס שליסט אבער נישט אויס, אז מ'זאל אנהויבען אונטערהאנדלונגען מיט פראנקרייך און ענגלאנד וועגען ערלעדיגען דעם קאנפליקט אויף א דיפלאמאטישען וועג.

הזכרה.

מארגן, דאנערשטאג, דעם 10. אקטאבער 1935, 11 א זייגער פריה צו דער ערשטער שמערצליכער יאהרצייט נאך אונזער אונפערגעסליכער

נ״ע סאלאמעא שעראדזקא

קומט פאר אויפ'ן בית החיים א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה, צו וועלכער עס לאדען איין קרובים, פריינד און בעקאנטע.

די פאמיליע.

אין פראַצעס די „ווענעז“ פּאָוואָנזקער געשעהענישען

אין ארויסגעטראָגענע דער אורטייל: 4 אנגעקלאָגטע פערמשפּט געוואָרן צו 3 און א האַלב יאהר תפיסה יעדער, 6 צו 2 יאהר תפיסה

וואַרשא, 8 (טעלעפאָניש)

היינט 1 א זייגער בייטאָג איז ארויסגעטראָגען געוואָרען דער אורטייל אין פּראָצעס געגען די אָנטייל נעהמער אין די פּאָוואָנזקער געשעהענישען.

די אָנגעקלאָגטע וולאַדיסלאַוו כּאַראַש, יאַן לעווינסקי, הענריק מאַרעווסקי און פעליקס קרושעווסקי זענען אָנערקענט געוואָרען פאַר שולדיג אין אָנטיילנעהמען אין דער ערמאָרדונג פון דעלמאַנען און זענען פערמשפּט געוואָרען אויף 3 און א האַלב יאָהר תפיסה יעדער. די אָנגעקלאָגטע פּיאָטר נאָוואַטקאַ זשידיסלאַוו צוואָיאַקאָווסקי, יאַן יאַקוביאַק, סטעפאַן וועגער קאַזשימיעזש סאָבאָטשינסקי און אַלעקסאַנדער חושעוויעצקי צו 2 יאָהר תפיסה יעדער.

דער 14־יעהריגער קאַזשימיעזש קאָכמאַן איז מערמשפּט געוואָרען אויף 2 יאָהר אויסבעסערונגס־הויז און די שטראָף איז איהם אָפּגעלעגט געוואָרען אויף 3 יאָהר.

געגען כּאַראַש'ן און לעווינסקי'ן איז צוגעמשפּט געוואָרען די ציוויל־תּביעה, די איבעריגע 11 אָנגעקלאָגטע זענען פריינעשפּראָכען געוואָרען. אין די מאָטיווען פון אורטייל ווערט געזאָגט, אז אלס מילדערנדע אומשטאַנדען האָט דאָס געריכט בעטראַכט דאָס, אז דער קולטורעלע ניוואָ פון די אָנגעקלאָגטע איז א זעהר נידריגער און די פאַלשע קלאַנגען וועגען דעם אָנפאַל פון יודען אויף א פּראָצעסיע און וועגען דעם, אז יודען האָבען צווענט א קריסט האָבען געקענט ווירקען אויף זייער פּסיכיק.

די ביטע פון די פערטיידיגער צו לאָזען זייערע קליענטען אויף דער פריי ביז'ן פּראָצעס איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

ווען דאָס געריכט איז ארויס פון זאַל האָבען זיך די פערמשפּטע כּאַראַש, לעווינסקי און מאַיעווסקי געוואָרפען זיך שלאָגען אויף זייערע חברים נאָוואַטקא און יאַקוביאַק, וועלכע האָבען זיך בעת'ן פּראָצעס מודה געווען, ביי יאַקוביאַק'ן איז צושטאָכען געוואָרען דאָס פּנים מיט א מעסער און מ'האָט געמוזט ארויסרופען צו איהם די פּאָגאָטאָוויע.

די פערמשפּטע האָט מען אָנגעטון קייטלעך אויף די הענט און אָפּגעפיהרט אין תפיסה

אימפּאָזאַנטע לויה פון דעפּוטאַט ווישליצקי אין וואַרשא

וואַרשאַ, 8 (טעלעפאָניש)

די היינטיגע לויה פון דעפּוטאַט ווישליצקי איז געווען זעהר אימפּאָזאַנט. 10 אַ זייגער אינדערפריה האָבען זיך שוין פאַר'ן לאָקאַל פון סוחרים־פעראיין געזאַמעלט צעהנדליגער דעלעגאַציעס אַנטיילצונעמען אין דער לויה.

צווישען די דעלעגאַציעס האָט זיך געפינען דער סיים־מאַרשאַלעק צאַר און וויצע־מאַרשאַלעק פּאָדאָסקי, יודישע פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרשטעהערשאַפט, פּראָפ. שאָר, דעפּ. זאָמערשטיין און דעפּ. מינצבערג, פון האַנדעלס־מיניסטעריום פולק. קוויאַטעק, פון פינאַנץ־מיניסטעריום דיר. קאָטקא, פון מינדערהייטס־דעפּאַרטאַמענט ביים אינערן־מיניסטעריום דיר. סוכענעק און ראַט האַפּטקע, פון יודישען דעפּאַרטאַמענט ביי דער וואַרשאָווער וואָיעוואָדזטווע ה׳ שטיינבוק. דאָס פּרעזידיום פון דער האַנדעלס־קאַמער מיט'ן געוו. מיניסטער קלאַרנער, כזשאַנאָווסקי און דיר. יאַקובאָווסקי בראש צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פּערזאָנאַל פון דער וואַרשעווער האַנדעלס־קאַמער, פון ראַבינאַט די רבנים כהנה, גוטשעכטער, פּויזנער און קאַנאַל, פון קהלה פּרעזעס מאַזור און פיל דאָוערעס, פון פּוילישען סוחרים־פעראיין מיט פּרעזעס הערזע בראש.

דאַן איז געקומען דער צענטראַלער סוחרים־פעראיין בראש מיט'ן געוו. סענאַטאָר שערעשעווסקי און 30 סעקציעס פון סוחרים־פעראיין, דער צענטראַלער האַנדווערקער - פערבאַנד, דער ציוניסטישער האַנדווערקער־פערבאַנד פון האַנדעלס־רעפּרעזענטאַנטען.

דאַן זענען געקומען די דעלעגאַציעס פון לאָדזער סוחרים־פעראיין פּעטריקאָווער 73 און פון פּעטריקאָווער 10, פון דער לאָדזער האַנדווערקער־עקספּאָזיטור, קאָנסול מאַקס קאָן, דעלעגאַציעס פון סוחרים־פעראיין פון לעמבערג, קראָקא, ווילנא, קוטנאָ, לובלין, פּלאָצק א.א.וו.

פון רעטונגס־קאָמיטעט, דזשאָינט, פּליטים־קאָמיטעט און פון צענדליגער יודישע אינסטיטוציעס אין וואַרשא.

די לויה איז געגאַנגען דורך סענאַטאָרסקאַ, רימאַרסקאַ, לעשנא, פּשעיאַזד, דלוגא, נאַלעווקעס, און גענשאַ.

אויפ'ן בית־החיים האָט דער קאַנטאָר קוסעוויצקי מיט'ן כאָר אָפּגעריכט אַ תפילה, דאַן האָבען מספּיד געווען פּראָפ. שאָר, פּרעזעס מאַזור, געוו. מיניסטער קלאַרנער, געוו. סענאַטאָר שערעשעווסקי, דעפּ. מינצבערג (אין נאָמען פון דער אגודה) און סאַרנאַ.

Dr.
R·Zalcwasser
כירורג
צעגעלניאַנאַ 19, טעל. 125=17
נעמט אָן פון 1–2 און פון 4–6.30.

מאָדערנע דאַמען־שיך
אין גוטע קוואַליטעט בעקומט מען נור ביי
A. Ogórek
Łódź, Zawadzka 11
tel. 202-86
בעמערקונג: א ספּעציעלע אָפּטיילונג פון מענער־שיך

1 זל. 1 זל.
סוכות
איך גיב אויף אפּנוץ סוכות פון העלע נייע ברעטער פון 1 זל. אָן א וואָגנר צו בעקומען אין דער בעוואוסטער קיסטעפאַבריק פּאַמאַרסקא 37, טעל. 140=94.
פערזאָרגט אייך בעצייטענס.

1 זל. 1 זל.
סוכות
פערטיגע פון טישלער־ברעטער מיט קייטלען אויך באַלקאָן־סכות אויף אַפּנוץ און צו פערקויפען פּולנאָצנא 26 ווי אויך פּאַמאַרסקא 45 אויך ברעטער און לאַטעס אויפ'ן פּוד צו זעהר ביליגע פּרייזען קומט און איבערצייגט אייך! געדענקט די אדרעס: פּולנאָצנא 26 ווי אויך פּאַמאַרסקא 45.

צאָהן־ארצט
M. URBACH-KWALOWA
פּאַמאַרסקאַ 10
נעהמט אָן פון 11–2 און 4–7 אָוונד

Dr. med.
W. Łaski
ספּעציעל אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
נעמט אָן נור 2 שעה פון 11 ביז 1 בייטאָג
אויף גייערס מאַרק Plac Reymonta 3/4

ד"ר
ס. קאַנטאָר
ספּעצ. פאַר הויט און וועניערישע קראַנקהייטען (מענער־שוואַכע)
פּיעטריקאָווער 90
טעל. 129=45.
נעמט אָן פון 8–2 נ"מ און פון 6–9 אָוו.

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פאַר לונגען־, הארץ־ און סקלעראָז־קראַנקהייטען
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9–10 פריה, 3–5, 8–9 אָוו.

סוכות
אויף אפּנוץ ביליג און צו פערקויפען אין דער קיסטען־פאַבריק
פּאַרזשעטשנאַ 5, טעל. 118-25
און נאָוואָמיעסקא 8 „ 138-25

א גמר חתימה טובה
און אַ גליקליך יאהר
ווינש איך מיינע געעהרטע קונדען, ווי אויך מיין גאַנצע פאַמיליע און אַלע מיינע ליבע פריינד, ווי אויך מיין ליבען פאָטער נ"י.
ציימונגס־פערקויפער
אלי' בארענשטיין

Dr. med.
D. Rawicz
קיליַנסקיעגא 49
צוריקגעקעהרט
Tel. 154-36.

Dr. med.
I. FAJWLEWICZ
צוריקגעקעהרט
Śródmiejska № 16,
tel. 117-61.

Lekarz-dentysta
S. Babad
פּאַמאַרסקא 22, וו. 6
נעמט אָן טעגליך פון 10–2 און 3–8 אָוו
קינסטליכע ציינער
ווערן אויסגעפערטיגט פּינקטליך אויפ'ן אָרט

Dr. med.
Z. DATYNER
אורָאלאָג
ספּעצ. פאַר נירען, בלאָז און אורין־קראַנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95,
עמט אָן פון 9–11 און פון 6–8 אָוונט

Doktór
A. S. TENENBAUM
Piotrkowska 109, tel. 220-25
powrócił.

Dr. med.
JÓZEF FRANK
אויערען־, נאָז־ און האַלז־קראַנקהייטען
באַרוטאָוויטשאַ 36
טעל. 237-14
נעמט אָן פון 12–2 און פון 8–9 אָוו.

אתרוגים
קאָרפירער און פּאַלעסטינער לולבים און הדסים טובחרים שבמובחרים
דערמיט מאַך איך בעקאַנט די ג. הורט־סוחרים אין לאָדז און פון דער פּראָווינץ, אז איך האָב געבראַכט דירעקט פון גריכענלאַנד און פּאַלעסטינא, וואו איך בין אַליין געווען און איבערגעקליבען די שענסטע אתרוגים לולבים והדסים במהדר השוה. אײלט זיך און קויפט ביי מיר דירעקט. וכל הקודם זכה!
פערקויפס־שטעל
נאָוואָמיעסקא 24 ביי ח. פּישהאָף, נאָוואָמיעסקא 12, אין הויף.
הורט־פערקויף פון קאַלאַניאַל־וואַרען און פּרוכטען
ב. פּישהאָף, 11 ליסטאָפּאַדאַ 47
טעל. 169-20

אתרוגים
מובחרים
לולבים והדסים
במקח השוה, הורט און ענצעל
ביי עמנואל קאַפּעלוש
פּלאַץ וואָלנאָשטשי 10.

לעזט און פערשפּרייט דעם נייעם פאָלקסבלאַט

Dr. med.
Dr. ROSENZWEIG
צוריקגעקעהרט
Piłsudskiego 72
telefon 128-74
נעמט אָן פון 9–10 און פון 6–7 אָוו.

געדענקט ביי שטשעשליווי
צום ווינטער־סעזאָן. א גרויסער אויסוואַהל פון אָריגינעלע ביליצער און טאָמאַשאָווער סחורות
אויף אנציגער און פּאַלטענס
פון די בעסטע קוואַליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך!
R. Szczęśliwy
לאָדז, נאָוואָמיעסקא 5
טעל. 156-09.
געדענקט פּאַרטער II שטאָק.

אתרוגים
מובחרים, לולבים והדסים
צו בעקומען ביי
שמואל הערש ליס
פּאַמאַרסקא 5, טעל. 223-98
און נאָוואָמיעסקא 6 (פּראָנט־געוועלב)

ב"ה
לאַפרישא מאיסורא
וואָרנונג פון ראַבינאַט
די מקוה זשעראָמסקיעגא (פּאַנסקאַ) 53 איז געאָסר'ט און איז פּסול.
ועד הרבנים לעדת לאָדז.

Dr. J. Lubicz
כירורג און אָרטאָפּעד
צוריקגעקעהרט
פּאָלודניאָווא 9
טעל. 183=17.

ד"ר העללער
ספּעצ. פאַר הויט און וועניערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע
טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט
זונטאָג פון 10–2 מיטאָג.
פאַר פרויען א ספּעציעלער וואַרטע־זאַל.
אונבעמיטעלטע — לעמשניצע־פרייזן

אויערען, נאָז און האַלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוזאַק אָפּעראַציע א. ז. וו., ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פון 9–2 און פון 4–8 אָוונט

Dr. med. M. TAUBENHAUS
ספּעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען־קראַנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11, טעל. 246=09
נעמט אָן פון 4–8 אָוונט.

Dr. med.
GUSTAW KOHN
געוועזענער אַסיסטענט פון דעם גינעקאָלאָגישען קליניק אין פּאַריז.
(ספּעצ. פאַר פרויען־קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט).
דיאַטערמיע, עלעקטראָקאָאַגולאַציע.
נעהמט אָן אין לאָדז
פּילסודסקיעגא 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פון 8–10 און פון 4–6 נאָכם.

LEKARZ DENTYSTA
St. GELBERG
צוריקגעקעהרט
זאַוואַדזקאַ 14, טעל. 108-33
נעמט אָן פון 10–2 און פון 4–7 אָוונט

א"י און די איטאליעניש-אביסינישע מלחמה

די רעדע פון ס. הופיען.—ערקלערונג פון מאיר דיזענגאף

ירושלים (יט"א) אין זיין רעדע וועגן דער ווירטשאפטליכער לאגע פון א"י, געהאלטען אויף א פערזאמלונג פון האנדעלס־קאמער אין תל־אביב (וועגן וועלכעיט"א האט שוין מיטגעטיילט טע־לעגראפיש), האט דער גענעראל־דירעקטאר פון דער „אנגלא־פאלעסטין באנק",

ס. הופיען

ערקלערט צווישען אנדערן:

אויב די פאליטישע לאגע וועט זיך נישט פער־ערגערן אין א בעדייטענדער מאס (און עס שיינט נישט, אז דאס זאל געשעהן), האלטען מיר נישט, אז עס זאל זיין וועלכער עס איז גרונד צו בעהויפטען, דאס די ווירטשאפטליכע לאגע פון לאנד זאל אין וועלכער עס איז הינזיכט ווערען ערגער ווי זי איז איצט, און עס איז דעריבער שווער צו פערשטעהן, פארוואס עס זאל אנהאלטן א וועלכע־עס־איז אלארם שטימונג. איך בין גליקליך פעסטצושטעלען, אז פונקט די זעלבע מיינונג הערשט אין די אנדערע גרויסע באנקען, וועלכע נעמען ווייטער גערן אן אלע געזונדע קרעדיט־אפליקאציעס. אויך די רעגירונג נעמט אין אכט די דאזיגע אנשויאונגען, און איך האב א גרונד אנצונעהמען, אז זי איז מיט זיי איינ־פערשטאנדען.

איבערגעהענדיג צו די פראבלעמען פון דער בוי־אינדוסטריע, ערקלערט הופיען:

נאטירליך קען קיין שום פינאנץ־אינסטיטוציע נישט געפינען קיין מיטעל געגען די יעניגע וואס האבענדיג בדעה אנצוהויבען בוי־אפעראציעס, האלטען זיי זיך דערפון אפ מחמת טעמים פון פאליטי־שער אונזיכערקייט. ווען עס וועלען זיך בערוהיגען די בעפירכטונגען מצד דעם פובליקום, וועט די לאגע זיך אויפקלערען פון זיך גופא. אויף וויפיל אבער די איצטיגע שוועריגקייטען זענען אפשר ענטשטאנען צוליב'ן מאנגעל פון קרעדיטען, קען געגען דעם געפונען ווערען אנ'עצה. קודם כל וויל איך זאגען, דאס עס איז נישטא קיין ספק, אז די אלגעמיינע היפאטעקען־באנק וועט אין א געהעריגער צייט ערטיילען און אויסצאהלען אלע הוצאות, צו וועלכע זי האט זיך מתחייב געווען. איך ווייס, אז אין משך פון די לעצטע וואכען האט די לייטונג פון דער היפאטעקען־באנק בעשטעטיגט א בעדייטענדע צאהל פרישע הלוואות אויף א סומע פון העכער 100 טויזענד פונט און אז דאס זעלבע איז אויך געווען אין חודש סעפטעמבער. די אלגעמיינע הל־וואות־סומע, וואס די היפאטעקען־באנק גרייט זיך איצט אויסצוצאהלען אין חודש אקטאבער, שטייגט איבער די דערמאנטע ציפער.

גלייכצייטיג מוז אבער לגבי דער בוי־אינדוס־טריע געזאגט ווערען, דאס הגם די אלגעמיינע לאגע איז א גוטע איז זי אבער נישט אינגאנצען געזונד. כל־זמן א בעדייטענדער טייל פון דער בוי־טעטיג־קייט אין לאנד געפינט זיך אין די הענד פון אונ־טערנעהמער מיט נישט־גענוגענדע מיטלען אדער אין טייל פאלען זאגאר אהן יעדע געלד־מיטלען, דארף מען זיך נישט וואונדערן, דאס אזא אינדוס־טריע איז עלול צו בעקומען א שווערען קלאפ ביי דער מינדעסטער קרעדיט־איינשרימפונג.

מיר אלע ווייסען, — און איך און אנדערע האבען עס מעהר ווי ביי איין געלעגענהייט אונטער־שטראכען — אז אונזער ווירטשאפטליכע סטרוק־טור און אונזער נאנצע „פראספעריטי", וועגען וועלכען מען רעדט צופיל, האט מעהרערע שוואכע פונקטען, און ווען די דאזיגע שוואכע פונקטען אונ־זערע ווערען בעזונדערס אקצענטירט אין צייטען פון פאליטישען און ווירטשאפטליכען אלארם, דאן איז, באמת, פארהאן ווייניג גרונד צו זיין איבער־ראשט. וואס מיר מוזען איין — לערנען, ארויסצי־העז מסקנות און געפינען א תרופה. איך וועל דע־ריבער זיין דער לעצטער צו זאגען, אז ביי אונז איז אליז זעהר גוט און אז מיר דארפען נישט ערוואר־טען פערשידענע פערלוסטען אדער אז עס וועלען נישט זיין קיין שוועריגקייטען, וועלכע מיר וועלען דארפען איבערקומען. אבער איך זאג און אונטער־שטרייך, אז לויט מיין פעסטער איבערציינונג איז אונזער ווירטשאפטליכע סטרוקטור אנ'אינערליך געזונדע און אויף וויפיל זי לידט אין איצטיגען מאמענט, געפינען זיך אלע היילמיטלען אין אונ־זער אייגענער האנד, און עס איז פארהאן דער ווי־לען און די מאכט, זיי אויסצונוצען שנעל און ענ־ערגיש.

תל־אביב (יט"א) דער בירגערמייסטער פון תל־אביב

מאיר דיזענהאף

האט ארויסגעגעבען אנ'עפענטליכע ערקלערונג, אין וועלכער ער זאגט, אז אומקעהרענדיג זיך נאך אנ־אפוועזענהייט פון עטליכע חדשים קיין תל־אביב, האט ער אין געוויסע טיילען פון דער תל־אביב'ער בעפעלקערונג פעסטגעשטעלט א צושטאנד, וואס גרעניצט מיט פאניק אין צוזאמענהאנג מיט'ן איטאל־יעניש־אביסינישען קאנפליקט.

דיזענהאף שטעלט פעסט, אז נאכדעם ווי ער האט זיך בעראטען מיט פערטרעטער פון די גרעס־סע באנקען און אנדערע ווירטשאפטליכע פאקטא־רען, איז ער געקומען צו דער מסקנה, אז דער דא־זיגער צושטאנד האט נישט קיין בערעכטיגונג און איז שעדליך. אויב דעפאזענטען זאלען, אלס פועל־יוצא פון אונבעגרינדעטע בעפירכטונגען, צוריק־ציהען זייערע דעפאזיטען, וועלען די באנקען נישט האבען קיין אנדער ברירה און מוזען קירצען זייע־רע קרעדיטען, וואס עס וואלט נעהאט בעדויערנס־ווערטע פאלגען פאר דעם אלגעמיינעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד. דיזענהאף פערזיכערט די תל־אביב'ער עפענטליכקייט, אז די רעגירונג און די יו־דיש־נאציאנאלע אינסטיטוציעס שטעהען פעסט און וועלען נישט דערלאזען וועלכע עס איז אונשטאנד־האפטיגקייט פון די ווירטשאפטליכע אינסטיטוציעס. חוץ־לזה דארף מען זיך פערלאזען אויף די בעמי־הונגען פון די לייטער פון די ווירטשאפטליכע אינ־סטיטוציעס נישט צו דערלאזען, אז ווער־עס־איז זאל לידען מחמת דעם צוטרוי, וועלכען עס שענקט די דאזיגע אינסטיטוציעס.

Ogłoszenia do wszystkich gazet
tel. 121-36, w nocy i św. 121-16.

דער פראצעס וועגען ערמארדען דעם אינערן-מין. פיעראצקי קומט פאר איז ווארשא דעם 18 נאוועמבער

ווארשא, 8 (טעלעפאניש)

דער פראצעס וועגען דער ערמארדונג פון אינערן־מיניסטער פיעראצקי איז בעשטימט גע־ווארען אויפ'ן 18 נאוועמבער ער וועט פארקומען אין ווארשעווער קרייז־געריכט אונטער'ן פארזיץ פון וויצע־פרעזעס פאסטעמקעוויטש.

ס'זענען פארהאן 12 אנגעקלאגטע, צווישען זיי 2 פרויען: סטעפאן באנדערא, מיקאלאי לעבעד, דאריא היגאטקיווסקא, יאראסלאוו קארפיניטש, ני־קאלאי קלימישין, באהדאן פידהייני, איוואן מאלוצא, יאקוב טשארני, עווגעני קאטשמארסקי, ראמאן מי־כאל, עקאטערינא זאריצקא און יאראסלאוו ראק. אלע אנגעקלאגטע זענען סטודענטען.

באנדערא, לעבעד, הנאטווינסקי, קאפריניטש, קלימישין, פידהייני, און מאליצא ווערען בעשולדיגט אין צוגרייטען דעם אטענטאט און דירעקטע הילף אין מארד, די איבעריגע — אין דערלייכטערען דאס אנטלויפען פון דירעקטען מערדער, מאטשעיקא, וועלכען מ'האט נישט געכאפט. די באמבע האט צו־געגרייט קאפריניטש.

דעם מארד איז בעגאנגען גריגארי מאטשעיקא מיט'ן פסיידאנים „גאנטא".

די הויפט־אנגעקלאגטע דראט טויט־שטראף.

לעצטע ידיעות

אמעריקא. ס'זענען מיטגעקומען 350 פאסאזשירען, 668 טאן פערשידענע סחורות, 433 זעק פאסט א.א.וו. די שיף איז ענטוזיאסטיש בעגריסט געווארן.

מעקסיקא, 8 (ספ. טעל.)

אויף א גרויסער פערזאמלונג פון סאציאליסטען און קאמוניסטען האט דעפוטאט אלטמאניראנא ער קלערט, אז די לינקע פארטייען וועלען פאדערען אין פארלאמענט פון פרעזידענט, אז מעקסיקא זאל איבעררייסען די בעציהונגען מיט איטאליען און צוריקרופען דעם דעלעגאט פון גענף.

תל אביב, 8 (יט"א טעלעגראפיש)

קומענדיגען פרייטאג הויבט אן צו ערשיינען א נייע העבראישע טאג־צייטונג „הבוקר"

לאנדאן, 8 (יט"א טעלעגראפיש)

אין עלטער פון 83 יאהר איז געשטארבען דער יודיש־ענגלישער קאמפאזיטאר פרידריק היימאן קא־ווען (א ספרדישער יוד).

ירושלים, 8 (יט"א טעלעגראפיש

די איטאליעניש־אביסינישע קריג האט אויף ארץ־ישראל נישט געהאט קיין גרויסע ווירקונג. די פאניק וואס האט געהערשט, האט זיך איינגע־שטילט. איינציגע פאבריקען האבען בעקומען בע־שטעלונגען. די ידיעות, וואס מאנכע צייטונגען האבען פערשפרייט וועגען פארטיפיקאציעס, זענען גרונדלאז. אין חיפה'ער פארט געפונען זיך עטליכע ענגלישע שיפען.

ווארשא, 8 (טעלעפאניש)

היינט פארמיטאג איז דער פרעמיער סלאוועק געקומען אין סים־בנין און רעוויזירט דעם סע־נאט־מארשאלעק פריסטאר און דעם סיים־מארשא לעק צאר.

גדיניא, 8 (ספ. טעל.)

היינט 11 בייטאג האט די שיף „פילסודסקי" זיך אומגעקעהרט פון איהר ערשטער רייזע קיין

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי	– – –	–	90.00
3 פראצענטיגע	בודאוולאנע	–	40.50
4 "	דאלארובקא	–	52.00
7 "	סטאביליזאציע	(אמ.)	62.00
5 "	ווארשאווער ס.־ב.	1934	53.63
5 "	לאדזער	.	48.50
ענגלישער פונט	– –	–	26.05
דאלאר אפיצ. 53175	נישט־אפיציעל	–	4.45
גאלד־דאלאר	– –	–	9.15
גאלד־רובל	– – –	–	4.85
דייטשער מארק	– –	–	1.52

Dr. REICHER
פאלודביאווא 28, טעל. 101-93
ספעציאליסט
מענער־שוואכע־בעהאנדלונג
ספקסועלע בעראטונגען און פסיכא־אנאליזען
נעמט אן פון 8–11 און פון 5–8 אווענד

איטאליענער פערנומען אקסום

(ענדע פון דער ו־טער זייט)

אויף 1 מיליאן 200 טויזענד זעלנער.

אויב אין גענף וועט דער קאנפליקט נישט ליקווידירט ווערען וועט באלד אנגעהויבען ווערען א קאנטר־אפענסי־ווע פון דער אביסינישער ארמעע אויף אלע פראנטען.)

דזשיבוטי, 8 (ספ. טעל.)

בעת די איטאליענער האבען איינגענומען א בערגעל נעבען אנאנע איז פארגעקומען א קאמישער עפיזאד, די איטאליענישע זעלנער האבען בעריהרט דאס וואוין־ארט פון א סטאדע מאלפעס. וועלכע האבען בעשיט די איטאליענער מיט שטיינער, די אי־טאליענער האבען געמיינט, אז זיי האבען צו טון מיט די אביסינער האבען זיי געעפענט א פייער אויף די מאלפעס...

אדיס אבעבא 8 (ספ .טעל.)

די אויסלענדישע קארעספאנדענטען, וועלכע געפינען זיך אין אדיס־אבעבא זענען נאך נישט ארויסגעפאהרען אויפ'ן פראנט. די שטאט גרייט זיך צו אנ'איטאליענישען לופט־אנגריף. ס'זענען גע־מאכט געווארען בעהעלטענישען אין די בערג וואו ס'אין אויך בעהאלטען געווארען דער אביסינישער מלוכה־אוצר אין ווערט פון 25 מיליאן טאלאן.

די איטאליענישע אעראפלאנען פליהען שוין ארום דער שטאט. די בעפעלקערונג אין די דערפער פערלאזט די וואוינונגען און ענטלויפט אין די בערג.

א גרויסען רושם האט געמאכט אין דער הויפט־שטאט די ידיעה וועלכע ס'האט געשיקט דער פער־טיידיגער פון אדוא, ראזא סיימאן, אז די איטאל־יענער ברענגען גאז־באמבעס, וועלכע זאלען בע־נוצט ווערען געגען מיליטער און צו באמבארדי־רען אדיס־אבעבא.

פאריז, 8 (ספ. טעל.)

אויפ'ן דרום־פראנט האבען די אביסיניער נעכ־טען פערענדיגט דאס ארומרינגלען די איטאליענער ארום אואל־אואל. פון דעם מאמענט אן איז פון דארט נישט פערהאן קיין ידיעות.

בערלין, 8 (ספ. טעל.)

דער קארעספאנדענט פון „בערלינער טאגע בלאט" טעלעגראפירט פון אדיס־אבעבא, אז אבי־סינישע אפטיילונגען פון גענ. סעיום האבען אטא־קירט דעם איטאליענישען פראנט אויף צפון פון אדוא און איהם איבערגעריסען. די איטאליענער האבען געליטען א שווערע מפלה. גענ. קאסע בראש פון 150 טויזענד זעלנער איילט צו הילף סעיומען.

לאנדאן, 8 (ספ. טעל.

אויפ'ן פראנט הערשען שרעקליכע היצען, וועל־כע דערגעהען ביז 45 גראד, אין איטאליענישען מי־ליטער פעהלט אויס וואסער. יעדען איגדערפריה בעקומט יעדער איטאליענישער זעלנער 2 ליטער וואסער, אבער צוליב די היצען איז דאס זעהר ווע־ניג. דאס צופיהרען וואסער אויף קעמלען איז זעהר שווער.

בערלין ,8 (ספ. טעל.)

דאס דייטשע אינפארמאציע־ביורא לייקענט, די ידיעות וועגען דער פיינדליכער שטעלונג פון די אביסיניער צו די אויסלענדער.

די אויסלענדער ווערען שטארק אפגעהיטען.

גענף, 8 (ספ. טעל.)

לויט ידיעות, וועלכע זענען דא דערהאלטען געווארען, האט די אביסינישע רעגירונג אויפ־געפאדערט דעם איטאליענישען געזאנדטען אין אדיס אבעבא צו פערלאזען אביסיניען. די פאראדנונג איז געקומען צוליב דעם ,וואס דער געזאנדטער האט זיך בענוצט מיט'ן ראדיא צו אינטריגירען געגען אביסיניען.

די דאזיגע ידיעה איז מיטגעטיילט געווארען דעם סעקרעטאריאט פון דער פעלקער־ליגע און אלע מיטגלידער.

רוים, 8 (ספ. טעל.)

אין אדוא קעהרט דאס לעבען צוריק צו דעם נארמאלען גאנג, טראץ דער מלחמה־אטמאספער, די בעפעלקערונג קעהרט זיך אום אין דער שטאט.

פאריז, 8 (ספ. טעל.)

די מיטגלידער פון אויפוויכטס־ראט פון דער געזעלשאפט וואס עקספלואטירט דעם סועץ־קאנאל איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ס'זענען נישט פערהאן קיין שום רעכטליכע מאטיווען צו־צומאכן דעם סועץ־קאנאל פאר איטאליענישע שיפן. אזוי, אז דער קאנאל וועט נישט פערמאכט ווערען אין קיין שום מאמענט.

וואשינגטאן, 8 (ספ. טעל.)

דער אויסערן־מיניסטער הול האט היינט ער קלערט די פרעסע־פארשטעהער, אז די אמעריקאנער רעגירונג האט אונטערגענומען שריט אין רוים, אז מ'זאל נישט באמבארדירען די אמעריקאנער גע־זאנדשאפט און די הייזער פון אמעריקאנער בירגער אין אדיס - אבעבא, די דעכער פון די אמע - ריקאנער שפיטאלען, שולען און אנדערע בנינים וועלען בעדעקט ווערען מיט אמעריקאנער פעהנער און אזוי ארום וועט מען וויסען נישט צו באמ־באדירען. די אמעריקאנער רעגירונג האט די דאזיגע פאדערונג געשטעלט אין א קאטעגארישער פארם.

אדיס־אבעבא, 8. (ספ. טעל.) די אבי־סינישע רעגירונג האט בעאויפטראגט איהר פאר־שטעהער אין רוים, אז ער זאל פאדערען די פעסער און פערלאזען איטאליען.

אדיס־אבעבא, 8 (ספ. טעל.)

דאס קריגס־מיניסטעריום האט אפיציעל גע־מעלדעט, אז דאס אביסינישע מיליטער האט זיך ארייגגעריסען אין איטאליענישען עריטרעא, פער־נעהמענדיג א רייהע דערפער, וואס ליגען צווישען אסמע־ראז און אדוא. בעזונדערס וויכטיג איז דאס פערנעהמען פון דעם סטראטעגישען פונקט אדי־קאיע.

Dr. Wołkowyski
האט זיך איבערגעציגען אויף
ציגעל־גאס 11, טעל. 238-02
נעמהט אן אין הויט־ און ווענערישע
קראנקהייטען. מענער־שוואכע
פון 8–11 בייטאג און פון 4–9 אווענד

קירצליך הויבען זיך אן די גאסטשפילען פון בעריהמטען אמעריקאנער
אפערעטען־סטאר, ליבלינג פון לאדזש
דזשעק רעכטצייט
אימפרעסאריא: ש. הערשקאוויטש. איניציאטיוו־גרופע: י. ביאלקאוויטש. ד. האמבורגער. ק. גוטמאן. פרטים קומען.

יודיש טעאטער
אין פילהארמאניע
20 נארוטאוויטשא 20

די אויסזיכטען פון די קעמפענדע צדדים
אויפ'ן מלחמה־פראנט אין אפריקא

די מלחמה אין אפריקע האט זיך צופלאקערט מיט דער גרעסטער קראפט, פון איין זייט שטעהט א מעכטיגע אייראפעאישע מלוכה בעוואפענט מיט קריגס מכשירים פון דער מאדערנסטער טעכניק, און פון דער אנדערער זייט א קליין פרימיטיוו פאלק וואס זיין ארמעע איז אפילו נישט איינגאנצען בעוואפענט, מיט איינפאכע ביקסען, עס וואלט דעריבער געקאנט אויסזעהען אז דער אויסגאנג פון דער דאזיגער מלחמה איז שוין א פאראויס בעשטימטער און דערביי וועט מען גארנישט לאנג דארפען ווארטען אויף דעם דאזיגען אויסגאנג. אין דער ווירקליכקייט איז אבער די לאגע נישט אזא. אין דער אויסלענדישער פרעסע געפינען מיר פאלגענדע אפשאצונג פון די אויסזיכטען פון קאמף אין אפריקא:

„פאר דער אפענסיווע פון דער איטאליענישער ארמעע זענען פאראן דריי הויפט־באזען: די פארטען מאסוא, אסאב און מאקאדישיווא, די ערשטע צוויי געפינען זיך אין עריטרעא, די לעצטע אין סאמאילי.

פון מאסוא ביז דער הויפט שטאט פון אדיס אבעבא איז א מהלך פון 800 קילאמעטער און פון אסאבי נאר 500 קילאמעטער, פון די דאזיגע צוויי פונקטען איז פארגעקומען דאס אריינדרינגען פון איטאליענישען מיליטער קיין אביסיניען.

די אויפגאבע וואס דאס איטאליענישע מיליטער האט איצט פאר זיך בעשטעהט אין א שטופענווייזע אטאקירען א גיגאנטישע נאטירליכע פעסטונג וואס הויבט זיך אויף מיט דריי משופע'דיגע שטאק צווישען די אפריקאנישע מדבריות — ביי די ברעגען פון רויטען ים. די דאזיגע גרעסטע אין דער וועלט נאטירליכע פעסטונג פערנעהמט א מיליאן קוואדראט קילאמעטער, ד.ה. זי איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי גאנץ פראנקרייך. מיט אנדערע ווערטער הייסט דאס אז גאנץ אביסיניען דאס גאנצע לאנד, שטעלט מיט זיך פאר איין ריזיגע פעסטונג און דאס איז פאר דער אביסינישער פערטיידיגונג אויסערגעוועהנליך גינסטיג.

די פעסטונג אביסיניען פערענדיגט זיך מיט הויבע כמעט גלייכע בערג אויף מזרח — ביי עריטרעא און אויף דרום — צו דעם איטאליענישען סאמאלי, אבער בכדי צו צוקומען צום פוס פון דעם בארג, מאסיוו מוזען נאך די איטאליענער פריהער אדורכגעהען די ברענענדיגע מדבר, אהן וואסער, דאנאקיל. מען דארף אננעהמען אז די איטאליענער וועלען אהן שוועריגקייטען אדורכגעהען די דאזיגע מדבר נאר ווען זיי וועלען צוקומען צום ערשטען שטאק פון דער „אביסינישער פעסטונג“ וועלען זיך ערשט דאן אנהויבען די שוועריגקייטען וואס קומען איינע נאך דער אנדערער. קודם כל איז דער ריזיגער בארג מאסיוו אדורכגעשניטען דורך טיפע טייכען — נעבען־טייכען פון נילוס— אויף א רייה אזוי ווי בעזונדערע קליינע זעלבסטשטענדיגע פעסטונגען, די שפאלט־טייכען וואס רינגלען ארום יעדע פון די דאזיגע בעזונדערע קליינע פעסטונג זענען זעהר טיף. — ביז 1000 מעטער. איצט שטעלט זיך פאר א ארמעע וואס רוקט זיך פאראויס מיט שוועריגקייטען אויף שמאלע בארג סטעזשקעס, ווערט פלוצלונג אפגעשטעלט דורך אזא בארג־שפאלט וואו אין דער טיפעניש פון 1000 מעטער פליסט א שטורעמדיגער טייך! קיין בריקען זענען אין אביסיניען נישט פארהאן.

אזוי ארום וועלען די איטאליענער מוזען אטאקירען א גאנצען סיסטעם פון צאהלרייכע זעהר שווערע צוגענגליכע פעסטונגען פונקט ווי די פעסטונג אביסיניען אלס גאנצעס, עס פערשטעהט זיך אז עס איז גענוג נאר צו פערשטעלען איינינע שמאלע בארג וועגען — סטעזשקעס און פערטיידיגען עטליכע פון די דאזיגע קוים צוגענגליכע קליינע פעסטונגען אז מען זאל אפהאלטען דעם מארש פון די איטאליענער אויף א לאנגע צייט.

א חוץ דעם איז נאך די בעוועגונג פון מיליטער בעשווערט דורך וועלדער וואס בעדעקען בעזונדערע טיילען פון אביסיניען. די דאזיגע וועלדער זענען א אידעאל בעהעלטעניש פאר די אביסיניער בעזונדערס בעת א לופט אטאקע.

ווען דאס איטאליענישע מיליטער וועט צוקומען דורך דער מדבר צום בארג מאסיוו וועט זיך פאר איהם אויפהויבען א קליינעוואנד פון ערשטען שטאק פון דער פעסטונג, וועלכע הויבט זיך אויף פון טאראנטער דורכגאנג דורך דעם דורכגאנג געהט איינער פון די קאראוואנען וועגען, דער אנדערער געהט דורך דעם אנטאלא דורכגאנג.

ווען דער דאזיגער אויסערגעוועהנליך שווערער וועג וועט זיין אדורכגעגאנגען וועלען זיך די איטאליענער אנשטויסען אויף א נייעם גלייכען בארג־מאסיוו — דער צווייטער שטאק פון דער אביסינישער פעסטונג. דא זענען פאראן צוויי שמאלענקע דורכגענג — לאמענמאן און סעלקי, די דאזיגע דורכגענג זענען נאך שווערער ווי די ערשטע. דא מוז מען אין איניגע ערטער, אפילו דאס אביסינישע מויל־אייזעל, וועלכער איז געוואוינט צו אזעלכע וועגען ארויפציהען מיט א שניר, אזוי ארום שלעפט דעם מויל־ אייזעל צוערשט דעם מענש, און שפעטער שלעפט דער מענש דעם אייזעל.

בכלל איז זיך אונמעגליך פארצושטעלען, ווי אזוי די דאזיגע וועגען וועלען קענען אויסגענוצט ווערען דורך א מאדערנע אייראפעאישע ארמעע, מיט איהר קאלאסאלע אמוניציע, מיט שווער בעלאדענע אויטאס, טאנקען א.אז.וו.

אלע זאפאסען וואס געפינען זיך אויפן ארט זענען שוין פון לאנג צוגענומען געווארען דורך די אביסיניער און פאר דעם איטאליענישען מיליטער וואס האט זיך אריינגעריסען איז גארנישט געבליבען בכלל קאן נישט א אייראפ. ארמעע לעבען פון די זאפאסען פון לאנד, וואס גענוגען קוים צו ערנעהרען די בעפעלקערונג, וואס וואוינט דארט צוווארפען אין קליינע מאסען. דאס בעדייט אז די איטאליענער וועלען דארפען ברענגען פון אייראפע נישט נאר יעדע קויל, נאר אויך יעדעם שטיקעל ברויט יעדע פושקע קאנסערווען.

אויך די דאזיגע ארגאניזאציע פון הינטער פראנט איז זעהר קאמפליצירט. מען דארף האבען עטאפען און ווי נאר עס קומט אן די רעגען צייט ווערט די פערבינדונג צווישען די עטאפען איבערגעריסען און אויף לאנגע חדשים וועלען זיי זיין אנגעוויזען נאר אויף זיך אליין. אפילו ווען די איטאליענער וועלען בויען בריקען איבער די אויבען דערמאהנטע וואסער טייכען וועלען זיי אין דער רעגען צייט צום טייל בעשעדיגט ווערען און צום טייל פולשטענדיג אוועקגעריסען ווערען.

פערשטעהט זיך אז דאס אלץ האט דער איטאליענישער גענעראל שטאב געמוזט פאראויסזעהען, און דער פארמארש אין לויפענדען יאהר וועט נישט זיין קיין טיפער, מיר האבען דעריבער איצט צו טון מיט א מלחמה נישט אויף א יאהר און נישט אויף צוויי נאר אויף עטליכע יאהר.

לויט ווי עס מעלדעט דער גוט אינפארמירטער דייטשער מיליטערישער זשורנאל „וויסען אונד וועהר“ האט דער איטאליענישער גענעראל שטאב אויף א רייה זיצונגען פון הויכען מיליטערישען קריגס ראט אנערקענט אז מען דארף רעכענען אז דאס פערנעהמען לאנגזאם אין משך פון יאהרען, אביסיניען, איינפיהרען ארדנונג, בערוהיגען די שבטים, און אונטערדריקען די אויפשטאנדען, דארף געדויערען אנ'ערך 30 יאהר עס איז כדאי צוצוגעבען אז די פראנצויזען האבען אנגעהויבען די מלחמה אין מאראקא, אין 1847 יאהר און נישט קוקענדיג דערויף וואס אין 12 יאהר ארום וועט שוין ווערען 100 יאהר האבען זיי זי נאך נישט פערענדיגט.

אין 1868 יאהר האבען די ענגלענדער בכדי זיך צורוקען אין אביסיניען אויף א שטח פון 100 קילאמעטער געמוזט פריהער צוזאמענעהמען 41,000 שלעפ בהמות, ווי אביסינישע מויל אייזלען, קעמלען אייזלען, פאגים און העלפאנטען, אויפן וועג זענען איינגעארדענט געווארען 5 שפיטעלער פאר בהמות, און דאך זענען אין משך פון דער דאזיגער קורצער אפענסיווע אויף 100 קילאמעטער אומגעקומען עלף טויזענט בהמות.

דאן איז דער חשבון געווען צו 5 בהמות אויף יעדע 4 מענשען און ביי דער היינטיגער בעוואפענונג דארף מען צעהנדליגער מאל מעהר.

און די אלע בהמות דארפען וואסער און זייערע אלע פיהרער דארפען וואסער, דאס מיליטער דארף פראוויאנט און וואסער, די בהמות דארפען פאשע און ענדליך דארף מען א ריזיגע מיליטערישע אויסריסטונג און דאס אלץ מוז מען צושטעלען פון אייראפע.

מען דארף אבער נישט פערגעסען אז פון דער אנדערער זייט איז די איטאליענישע ארמעע פערזעהן מיט די נייעסטע ערפינדונגען אויפן קריגס געביט. מען קען דעריבער מאכען פאלגענדע אויספיהרונגען וועגען אויסגאנג פון קאמף.

1) די איטאליענער קענען רעכענען אויף אנערפאלג אין אנהויב פון זייער אקציע. אפשר ביז אדוא וואס געפינט זיך פערהעלטניסמעסיג נישט ווייט פון דער גרעניץ (120—140 קילאמעטער), 2) דאס ווייטערדיגע בעוועגען זיך פון דער איטאליענישער ארמעע טרעפט אן אויף געוואלדיגע שוועריגקייטען, 3) אויב די ענטוויקלונג זאל אפילו געלונגען ארויפצוקומען אויף דעם ערשטען און אפילו אויפן צווייטען שטאק פון דער אביסינישער פעסטונג וועלען זיי זיך אויך מוזען אפשטעלען ווי נאר עס וועט זיך אנהויבען די רעגען ־ צייט. 4) אויב די אביסיניער וועלען האבען זעניט־ארטילעריע און שווערע עראפלאנען אפילו א קליינע צאהל וועט דער נוצען פון דער איטאליענישער אוויאציע זיין זעהר א קלייגער און דאס פערנעהמען אביסיניען וועט אנטרעפען אויף אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען.

בעריכטע פון מלחמה־פלאץ אין אביסיניען

די פראנצויזישע פרעסע פערעפענטליכט שוין א רייה קארעספאנדענציעס פון אפריקאנישען מלחמה פלאץ. מיר ברענגען דא איניגע פון די דאזיגע בעריכטען:

דער קארעספאנדענט פון „מאן“ האט צוגעשיקט פאלגענדען בעריכט וועגען די ערשטע טעג פון דער מלחמה אין אפריקא: „די מעלדונגען פון גענעראל דע באנא אז די מלחמה אקציע הויבט זיך אן איז אונז ערשט איצט מיטגעטיילט געווארען. היינט אינדערפריה דעם 3טען אקטאבער וועלען די איטאליענישע סאלדאטען אריבער די אביסינישע גרעניץ, ארום 6 א זייגער אינדערפריה דעם 3טען אקטאבער וועלען די 14 און 15 לופט פליהער עסקאדרעס באמבארדירען די אביסינישע בעפעסטיגונגען וואס די אביסיניער האבען אויפגעשטעלט בכדי צו פערטיידיגען געוויסע וועגען. דאס זענען די ערשטע קריגס אקציעס. דער פארמארש וועט פארקומען אין עטליכע קאלאניעס, איינע פון זיי וועט אריבער דעם טייך מארעב אויף פאנטאן בריקען.

דאס מיליטער בעשטעהט פון רעגולערער ארמעע, שווארצע העמדלעך און איינגעבוירענע סאלדאטען. עס איז נישט וואהרשיינליך אז די איטאליענער זאלען קענען פערנעהמען אדוא אהן א קאמף. לויט די לעצטע מעלדונגען זאלען זיך ארום אדוא זיין קאנצענטרירט ביז 50 טויזענד אביסיניער. אנ'ערך 20 קילאמעטער פון אדוא זעהען זיך די חורבות פון דער שטאט אקסום. דארט געפינען זיך די העכסטע און נעהיימנישפולסטע אבעליסקען אין דער וועלט. די אביסיניער האלטען די דאזיגע דענקמעלער פאר הייליג און זיי וועלען דעריבער אהן א קאמף פון דארט נישט אוועקגעהן, אנהויבענדיג פון טייך מארעב עקזיסטירען שוין נישט מעהר קיין וועגען אין אייראפעאישען זין פונוואָרט, דאס איטאליענישע מיליטער וועט דעריבער מוזען אדורכמאכען א געביט לאנג 60 קילאמעטער קלעטערען בארג ארויף 1000 מעטער הויך... יעדער סאלדאט טראגט צוויי ליטער וואסער, יעדע אפטיילונג פיהרט מיט א סך אייזלען פון וועלכער יעדער טראגט פופציג ליטער וואסער.

די קארעספאנדענטין פון „זשורנאל“ שרייבט: די אנדערהאלבען שעה ביז איך היינט געפלויגען אין א באמבען ־ עראפלאן, מיט וועלכען ס'האט אנגעפיהרט וויטאריא מוסאליני, איבער עריטרעא, איבער 60 קילאמעטער צווישען אריקאפארטע און סאנאפע זענען מיר געפלויגען לענג אויס דער אביסינישער גרעניץ אין דער לופט ־ ליניע זענען מיר געווען ווייט פון אדוא נאר 15 קילאמעטער. איך האב בעמערקט אביסינישע בעפעסטיגונגען און א שטארקע בעוועגונג פון מיליטער אין דער ריכטונג צו דער איטאליענישער גרעניץ. עס איז קלאר, אז אויף דער אביסינישער זייט מאכט מען פיבערהאפטע פארבערייטונגען, די איטאליענישע ארמעע פרעכטיג אין איהר קאלטבלוטיגקייט איז גרייט צו יעדער עווענטואליטעט“.

דער קארעספאנדענט פון „פטי פאריזיען“ שרייבט: דאס וואס עס פאלט דא אמייסטען אויף א מזרח ־ אייראפעער קען מען אפילו נישט אנרופען מאנגעל אין דיסציפלין. עס איז נאר א מין דיסציפלין צו וועלכער מיר זענען נישט געוואוינט. מיר זעהען געוואוינט אז א מיליטערישע אפטיילונג איידער זי פערלאזט די סטאציע, בעשטעהט נעבען אנדערע זאכען הויפטזעכליך אין צוזאמענגעשטעלטע ביקסען, וואך־פאסטען, קווארטיר־מייסטערס, וואס בעמיהען זיך אריינצוברענגען ארדנונג אין דער אפטיילונג.

דאס וואס קומט פאר ביי די אביסיניער לאזט זיך שווער אנרופען דיסציפלין. געפעק און בעוואפענונג זעהען אויס צו זיין אונבעקאנטע בעגריפען. אלץ זעהט אויס מעהר צו געהארכען דעם בעפעהל פון אינסטינקט, ווי די מיליטערישע קאמאנדא. אפט מאל שיינען אונז די דאזיגע צאהלרייכע מחנות, וועלכע עס האבען אויסגעשפיגען די וועלדער און טהאלען און וועלכע פערפלייצען די באהן־ליניע ווי א אויסדרוק פון נאטור כוחות. די מענער וואס האבען נעכטען פערפלייצט דעם צוג זענען בעגלייט געווארען פון פריינד און פרויען, וואס קלאמערען זיך אין זיי ביז צום לעצטען אויגענבליק, די דאזיגע מענער און פרויען זענען אבער נישט געווען גאלאס אדער אמהארים, שבטים פון דער סביבה פון אדיס אבעבא, נאר עס זענען געווען מאגערע שווארצע הויכלאנר מענער, פון דעם וויסטען גרעניץ געביט ביי קעניא, די פרויען האבען בעגלייט, זייערע מענער צו דער דאזיגער פערזאמלונג, פון מיליטער אין דעם העכסטען פונקט פון דער רעגענצייט, איבער ווייטע בארג־קייטען און משופע'דיגע בארג־סטעזשקעס. עבעס מערקווירדיגעס פלוצלונגעס איז געלעגען איבער דער שווארצער פערזאמלונג, עס האט גארנישט אויסגעזעהען ווי א געזעגענען זיך, נאר ווי א יובעל פייערונג, א כאר פון הללויה'ס, די בעוועגליכקייט פון א פיהגען מחנה, א אונאויפהערליכער געהען און קומען פון בעוואפענטע קריגער דאס אויג פון א מערב אייראפעער האט דארט נישט געקענט ענטדעקען קיין ארדנונג און נישט פערנונפט אין דעם דאזיגען לויפען פון וואנען צו וואנען, אין דער דאזיגער ליידענשאפט פון געזעגענען זיך.

פראטעסטען צום פעלקער־בונד
געגען די נירענבערגער געטא־געזעצע

זשענעווע. (יט"א). דער פארזיצער פון דער פעלקערבונד־פערזאמלונג דר. עדוארד בענעש, האט אויפגענומען דער פרעזעס פון דעם יודישער קהלה אין מאדריד, אניאסא באוער, וועלכער האט, אלס דעלעגאט פון שפאנישען פערבאנד פון פעלקערבונד זיך בעטייליגט אין די לעצטע זיצונגען פון ראט פון דער אינטערנאציאנאלער אוניע פון פעלקער בונד־פרייטנד, באוער האט איבערגעגעבען בענעשען א פראטעסט פון די יודישע קהלות אין שפאניען געגען די נירענבערגער יודען־געזעצען.

פראג (יט"א). די יודישע פארטיי אין דער טשעכאסלאוואקיי האט ארויסגעשיקט צו מיניסטער דר. בענעש, אלס פארזיצער פון דער פעלקערבונד־פערזאמלונג פאלגענדע דעפעשע:

„די יודישע פארטיי אין דער טשעכאסלאוואקיי ווענדעט זיך צו אייך, אלס צום פארזיצער פון דער 4־טער פעלקער ־ בונד ־ פערזאמלונג און בערופענעם פערטיידיגער פון די מענשען־רעכט, און פרינציפ פון גלייכהייט פון אלע מענשען, מיט דער ביטע, פארצושטעלען דעם פעלקערבונד אונזער פראטעסט געגען דער ענטרעכטונג און פערלוימדונג פון די יודען אין דייטשען רייך, וועלכע האבען זייער קולמינאציאנס פונקט דערגרייכט אין די אנטי יודישע געזעצען פון דער לעצטער צייט“.

דערויף האט די יודישע פארטיי בעקומען פון אויסערן מיניסטעריום א מיטיילונג, אז דר. בענעש האט דעם טעקסט פון דער דעפעשע איבערגעגעבען אין סעקרעטאריאט פון פעלקערבונד.

פאריז, (יט"א). דער בונד פון יודישע פראנט קעמפער אין פראנקרייך האט איבערגעשיקט דעם פעלקערבונד א מעמאריאל אין וועלכען דער בונד דריקט אויס זיין שארפסטען פראטעסט געגען די נייע דייטשעיודען געזעצען, אין דער פראטעסט שריפט ווערט דערמאהנט אז בעת דער וועלט מלחמה האבען אין דער דייטשער ארמעע געקעמפט 90 טויזענד יודישע פראנט קעמפער פון וועלכע עס זענען אין פעלד געפאלען 12 טויזענד קעמפער דער בונד פון יודישע פראנט קעמפער אין פראנקרייך אפעלירט צום יושר געפיהל פון פעלקערבונד און פאדערט ביי איהם ארויסצוטרעטען געגען די דייטשע געזעצען. וועלכע שטעלען מיט זיך פאר „אנ'ארויספאדערונג פון דער ציוויליזירטער מענשהייט“.

פרעזידענט פון העכסטען רייכס געריכט איז מודה,
אז די נירענבערגער יודען - געזעצען זענען ברוטאל.
אנטי־יוד. באיקאט געזעצליך ערלויבט.

בערלין, (יט"א). אויף א פערזאמלונג פון דער בערלינער געזעלשאפט פריינד פון דער דייטשער אקאדעמיע האט דער פרעזידענט פון העכסטען רייכס־געריכט פראפ. וואלטער סימאנס, געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט אפען מודה געווען, אז די נירענבערגער געטאגעזעצען זענען ברוטאל, דער בעריהמטער יוריסט האט ערקלערט, „די נירענבערגער יודען־געזעצען האבען פערדינט צו זיין אנדערש ווי זיי זענען, היות אבער זיי זענען שוין פראקלאמירט געווארען מוז מען זיי האנארירען, מחמת די ברוטאליטעטען וואס זיי ענטהאלטען, זענען בעשיינפערליך נויטווענדיגע ברוטאליטעטען“.

אין דער „צייטשריפט דער אקאדעמיע פיר דויטשעם רעכט“ בעהאנדעלט דער מיטגליד פון העכערען געריכט אין מינכען, קארל ווילהעלם, די נירענבערגער געטא־געזעצען פון ווירטשאפטליכען געזיכטס פונקט און קומט צו דער מסקנה, אז די דאזיגע געזעצען ענטהאלטען אין זיך מאסנאהמען וואס לעגאליזירען דעם אנטי־יודישען באיקאט. דער שרייבער פון ארטיקעל ארגומענטירט אז די נירענבערגער געזעצען רעכטפערטיגען אלץ, וואס גיט דעם ארישער די אויבערהאנד אין ווירטשאפטליכען לעבען איבער דעם יוד, דער אנטי־יודישער באיקאט איז דעריבער אלס ווירטשאפטליכער קאנקורענץ מאמענט, ערלויבט אויב ער ווערט אפילו געפיהרט אין דער רויהעסטער פארם.

„די דייטשע האנדעלס ־ וועלט איז געגען די נירענבערגער געזעצען
זי איז אבער מאכטלאז און וואגט נישט צו פראטעסטירען“.

לאנדאן (יט"א). אין האנדעלס בלאט פון „טיימס“ איז פערעפענטליכט א קארעספאנדענץ פון כעמניץ אין וועלכער עס ווערט בעהאנדעלט די לאגע אין דער דייטשער טעקסטיל אינדוסטריע, דער קארעספאנדענט בעמערקט צווי. אנדר.:

די לעצטע ענטוויקלונגען אין דער בעהאנדלונג פון יודען וועלכע בעדייטען אין דער פראקטיק א פולשטענדיגע איזאלאציע פון יודען אין רייך, וועלען קודם כל גורם זיין אפצושוואכען דעם באיקאט פון דייטשע סחורות וואס ווערט געפיהרט דורך יודען אין דער גאנצער וועלט, בדרך כלל בעטראכטען די דייטשע האנדעלס לייט די אנטי יודישע מאסנאהמען אלס ווייט צו דראסטיש, זיי זענען אבער מאכטלאז און האבען זאגאר נישט די דרייסטקייט צו פראטעסטירען.

די אנטי יודישע בעוועגונג — פיהרט אויס דער „טיימס“ קארעספאנדענט — איז געווארען אזוי אינטענסיוו, אז פריהער צי שפעטער וועלען אלע יודישע אונטערנעמונגען זיין געצוואונגען צו שליסען זיך צוליב מאנגעל פון קאנסומענטען.

דער איטאליעניש-אביסינישער קריג אין דער פראנצויזישער פרעסע

פאָל פאָר, דער גענעראַל - סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז אַבסאָלוט פאַר סאַנקציעס. אין נעכטיגען „פּאָפּולער“ שרייבט פאָל פאָר:

אויב דער פעלקער־בונד פערשווינדט צוליב דעם איטאַליעניש - עטיאָפּישען קאָנפליקט, ווייסען אַלע, אַז עס וועט זיך אָנהויבען די צייט פון אונבעגרעניצטע בעוואָפענונגען און גאָר אין קורצען וועט נאָכדעם אויסברעכען אַ קריג.

איין שאַנס בלייבט נאָך, איינער בלויז, כדי נישט צו דערלאָזען צו אַ וועלט־קאָנפליקט, דאָס איז די עקאָנאָמישע, פינאַנציעלע און האַנדעלס־קאָאַליציע געגען דער אָנגרייפענדער מלוכה.

מען דאַרף נישט זיין גאָר בעזונדערס געלערנט אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט, כדי דאָס צו פערשטעהן.

אפילו אָהן דער צושמעטערענדער משא פון וויטען קריג, דאַרף איטאַליען אויך האָבען פאַר איהרע לעבענס־אינטערעסען דעם אויסטויש מיט די אַנדערע לענדער. אויב פערציג מלוכות זאָגן עס איהר אָב, אפילו ווען טייל זאָלען זיך שוין אַרויסדריעהען דערפון, וועט איטאַליען נישט אויסהאַלטען.

די טעאָטראַלע זשעסטען און די בעגריסונגען אויף דעם רוימישען שטייגער וועלען נישט פערטרעטען די עקספּאָרטאַציעס און אימפּאָרטאַציעס וועלכע זענען פונקט אַזוי נויטיג אַ מאָדערנער מלוכה ווי דאָס בלוט אין די אָדערן אָדער ווי די לופט פאַר די לונגען.

* * *

אַלזאָ, די סאָציאַליסטען, זעען ווי בעקאַנט פאַר סאַנקציעס. אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט די מיינונג פון האַנרי דע זשוואוועגעל, וועלכער איז נעכטען פלוצלינג געשטאָרבען. עטליכע טעג פאַר זיין טויט האָט דער ליבעראַלער סענאַטאָר און אָנגעזעהענער מלוכה־מאַן ערקלערט זיין מיינונג וועגען סאַנקציעס געגען איטאַליען:

מיליטערישע סאַנקציעס?... אָבער דאָס וועט דאָך אַריינשלעפען אין אַ קריג.

און וועגען די עקאָנאָמישע סאַנקציעס האָט דע זשוואוועגעל ערקלערט פאָלגענדעס:

איך האָב זיך בעטייליגט אין דער דאָזיגער בעוואוסטער זיצונג פון זשענעווע, ווען מען האָט אין 1925 דיסקוטירט דעם פּראָטאָקאָל. איך וואָלט איין געקענט אויף אויסענווענדיג ציטירען די ווערטער פון אָסטען טשעמבערלען, וועלכער האָט מאָטיווירט זיין אַנטיפּאַטיע צו עקאָנאָמישע סאַנקציעס. אָבער אָט זענען טאַקע זיינע רייד. הערט:

— עקאָנאָמישע סאַנקציעס זענען אוממעגליך צוליב דעם, וואָס אויסער דעם פעלקער־בונד עקזיסטירען מעכטיגע עקאָנאָמישע קאָלעקטיווי - טעטען.

דער שעף פון ענגלישען אויסערן־מיניסטעריום האָט אַלזאָ פערשטאַנען, אַז די סאַנקציעס קענען זיין פונקט אַזוי קלאָגעדיג פאַר די מלוכות, וועלכע וועלען זיי אָננעהמען, ווי פאַר די מלוכות געגען וועלכע זיי וועלען זיין געווענדעט. אָבער אין מערץ 1925 איז דייטשלאַנד אַריינגעטראָטען אין פעלקער־בונד. היינט איז זי אויסער דעם פעלקער־בונד. צו וואָס אַלזאָ וועלען די עקאָנאָמישע סאַנקציעס דערפיהרען?... צו דעם, אַז מען זאָל דורך דייטשלאַנד לאָזען דורכגעהן אַ מעכטיגען האַנדעלס־שטראָם און דייטשלאַנד זאָל זיך אונטערנעהמען צו קויפען בייאַנדערע און איבערפערקויפען די פערשידענע רוי־שטאָפען, וועלכע איטאַליען וועט דאַרפען...

אויך גאַללוס ווייזט אָן אין „ענטראַנסיזשאַן“ אַז די איינציגע, וואָס וועט געניסען פון דעם געשאַפענעם צושטאַנד איז דייטשלאַנד.

אַ דעפּעשע פון רוים מעלדעט, אַז דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר האָט געהאַט אַ לאַנגען געשפרעך מיט מוסאָליני. עס געהען קלאַנגען, אַז עס זאָל האָבען געוועזען אַרומגערעדט בעת דעם געשפרעך די פראַגע פון דעם, אַז דייטשלאַנד זאָל זיך אונטערנעהמען צו אַפּראָוויזירען איטאַליען.

דאָס זעהט אויס צו זיין אַ קלאַנג, וואָס ווערט בעשטעטיגט. עס איז זיכער, אַז אויב מען זאָל אָבשטעלען די ענגלישע און פראַנצויזישע צושטעלונגען, וועט זי די זאַכען קויפען אין דייטשלאַנד.

און עס איז זיכער, אַז דייטשלאַנד וועט עס איהר נישט אָפּזאָגען. די געלעגענהייט איז אַ צו שעהנע פאַר דער היטלעריסטישער מדינה צו בעקומען אַ פריינד. מיט איין קלאַפּ וואָלט דאָס געשטאַרקט דייטשלאַנד און אָבגעשוואַכט פראַנקרייך. ווי אַזוי זאָל זיך נאָך די היטלעריסטישע רעגירונג וואַקלען אין דער פראַגע?

* * *

מאַרסעל קאַשען שטעלט אין דער קאָמוניסטישער „הומאַניטע“ די פראַגע ווי אַזוי צו רעאַגירען אין איצטיגען מאָמענט:

די פראַגע שטעלט זיך איצט נישט בלויז וועגען דעם צו וויסען, צי מען וועט לאָזען אַזוי קאַלט דערשטיקען אַ קליין פאָלק דורך אַ גרויס עס געהט קודם כל נאַטירליך אין פּראָטעסטירען געגען אַזאַ אַטענטאַט, וועלכען אונזער אינטעלעקטועלע פון דער אַקאַדעמיע דעקען נאָך מיט זייער סקאַנדאַליעזער צושטימונג. אָבער וואָס פאַר אַ פאָרם און וואָס פאַר אַ גרעניץ זאָל אָננעהמען דער פּראָטעסט? אָט איז דער ערנסטער פּראָבלעם, אויף וועלכען אַלע, וועלכע האָבען דעם עול פון היטען דעם פרידען דאַרפען איצט ענטפערען קלאָר און אָהן צוריקגעהאַלטענקייט.

* * *

אין עקסטרעם - רעכטען „פיגאַראָ“ איז ערשינען אַן אַרטיקעל וועגען דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכט דער איטאַליענישער אָנפאַל אויף אַביסיניען. דער „פיגאַראָ“ זאָגט, אַז מען מעג זיין ווי ווייס, מען קען וועלען זיך בעהאַלטען אונטער דעם מאַנטעל פון עגאָאיזם, דאָך ווערט מען אויפגעטרייסעלט:

אמת, די גרויסע בלעטער פון דער געשיכטע ווערען געשריבען דורך כח און מיט קרבנות, אָבער דער האַרטער אמת, אפילו ווען מען נעמט זיך שוין דערמיט איבער, קען דאָך נישט אויסשליסען דאָס געפיהל פון אינטימער פערצווייפלונג, וועלכע נעהמט אונז אַרום ביים אָנבליק פון געוואַלדטאַט, ווען מען איז אַליין אין דעם נישט בעטייליגט.

דאס לעבען אין ארץ-ישראל

ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור

אונאויפהעריכע בעראַטונגען אין דער הויפּטשטאָט פון עבר הירדן.

ירושלים. פון דער הויפּט־שטאָט פון עבר־הירדן, אמאַן, ווערט מיטגעטיילט, אַז דאָרט קומען פאָר אונאויפהעריכע בעראַטונגען וועגען דער פּאָליטישער לאַגע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה. אין די בעראַטונגען בעטייליגט זיך אויך עמיר אבדולאה און דער פאָרשטעהער פון ענגלאַנד אין עבר־הירדן.

אַ נייע אַראַבישע פּאַרטיי אין שכם.

ירושלים. לויט דער איניציאַטיוו פון די 2 אַראַבישע טוער לאַטיף סאַלא און לאַטיף טוקאַן איז אין שכם פאָרגעקומען די גרינדונגס־פערזאַמלונג פון דער אַראַבישער פּאַרטיי א. נ. „נאַציאָנאַל־פליגעל“. אויף דער פערזאַמלונג זענען אָנגענומען געוואָרען אַ רייה אָרגאַניזאַציאָנעלע בעשלוסען.

איינבירגערונגען אין א״י.

תל־אביב. דער איינבירגערונגס־אַמט ביי דער יודישער קהלה אין תל־אביב האָט אין דעם פערגאַנגענעם יאָהר ערלעדיגט די איינבירגערונגס־פאָרמאַליטעטען פאַר 1905 משפחות. העכער 10.000 פערזאָן האָבען אין משך פון דעם יאָהר ערהאַלטען אינפאָרמאַציעס וועגען איינבירגערונגס־ענינים.

ארעסטירט „אונלעגאַלע“ עולים. בוכאַרער פליטים קומען קיין א״י.

ירושלים. די פּאָליציי אין דאַמאַטא האָט אַרעסטירט 3 יודישע משפחות, וועלכע האָבען דורך עבר־הירדן געפּרובט אַריינקומען קיין א״י.

אין משך פון די לעצטע טעג זענען ביי דער סירישער גרעניץ פערהאַלטען געוואָרען 7 יודישע יונגעלייט, דערונטער אַ יונגער רב פון רוסלאַנד און 3 יונגעלייט פון פּוילען. די קרובים פון די פערהאַלטענע אין א״י בעמיהען זיך צו בעפרייען די אַרעסטירטע געגען קויציע.

לעצטענס איז אויך פערהאַלטען געוואָרען פאַר אונלעגאַלער איינוואַנדערונג אַ צאָהל אַראַבער פון סיריען און לבנון, וועלכע זענען גלייך צוריקגעשיקט געוואָרען אין זייערע וואוינ־ערטער, 4 אַראַבער זענען אויך בעשטראָפט געוואָרען מיט איין טאָג אַרעסט.

ירושלים. אין דער פערגאַנגענער וואָך זענען אויפ׳ן סמך פון ספּעציעל ערטיילטע סערטיפיקאַטען אָנגעקומען קיין א״י 20 יודישע פליטים משפחות פון בוכאַרע, וועלכע האָבען זיך אין משך פון די לעצטע צוויי יאָהר אויפגעהאַלטען אין פּערסיען. די בוכאַרער פליטים, וועלכע געפינען זיך אין אַפגאַניסטאַן, האָבען נישט דערווייל די מעגליכקייט צו קומען קיין א״י, ווייל די מאַכט ערלויבט זיי נישט צו פאָהרען דורך אינדיען.

פּלאַן פון בראָניסלאַוו הובערמאַן צו שאַפען אין א״י אַ שטענדיגען סימפאָנישען אָרקעסטער.

ווין. אין אַ געשפּרעך מיט׳ן ווינער פאָרשטעהער פון דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור האָט דער בעריהמטער פידעל־ווירטואָז בראָניסלאַוו הובערמאַן ענטוויקעלט זיין פּלאַן צו שאַפען אין א״י אַן ערשטקלאַסיגען סימפאָנישען אָרקעסטער. איינס פון די צילען פון אַזאַ אָרקעסטער וועט זיין צו געבען די מעגליכקייט פון אַ מענשליכער עקזיסטענץ די ערסטראַנגיגע יודישע מוזיקער, וואָס האָבען פערלוירען זייערע שטעלונגען אין דייטשלאַנד מחמת דער אַנטי־יודישער פּאָליטיק פון דער נאַצי־רעגירונג. אַ בעדייטענדע צאָהל פיהרענדע יודישע מוזיקער פון דייטשלאַנד, הן אָרקעסטראַנטען הן סאָליסטען, האָבען שוין אויסגעדריקט זייער גרייטקייט אַריינצוטרעטען אין אַזאַ א״י־אָרקעסטער.

דער סימפאָנישער אָרקעסטער אין א״י — האָט הובערמאַן ערקלערט — וואָלט געפּרובט אָרגאַניזירען אין א״י גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע טעאַטראַלישע און מוזיקאַלישע פעסטיוואַלס. קלאַסישע און מאָדערנע מוזיקאַלישע ווערק פון ביבלישען אינהאַלט וואָלטען אין א״י געקענט אויפגעפיהרט ווערען אין זייער נאַטירליכער היסטאָרישער אומגעבונג. חוץ דער ווירטשאַפטליכער חשיבות פון אַזעלכע פעסטיוואַלס אין א״י, וועלען זיי אויך גורם זיין צו שטאַרקען די קולטורעלע רעפּוטאַציע פון יודישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

הגם — מיינט הובערמאַן — מען דאַרף ערוואַרטען אַן ענטוזיאַסטישע אונטערשטיצונג פון דעם פּלאַן דורך דער א״י־עפענטליכקייט און מען מעג זיך ריכטען אויף בעדייטענדע סובווענצען פון די דריי גרויסע שטעט און פון דער רעגירונג, וועט אָבער דער יעהרליכער בודזשעט פון אָרקעסטער האָבען אַ בעדייטענדען דעפיציט, וואָס וועט וואַהרשיינליך דערגרייכען ביז עטליכע טויזענד פונט. הובערמאַן האָפט, אַז ער וועט זיין ביכולת צו דעקען צוויי דריטעל פון דעפיציט. אויף דעם צוועק האָט הובערמאַן שוין געעפענט אַ קאָנטאָ אין דער אַנגלאָ־פּאַלעסטיין־באַנק אין תל־אביב אויפ׳ן נאָמען פון „פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פריינד פון א״י־אָרקעסטער“:

א״י קאָלאָניע א.ג. פון חפץ חיים.

לאָנדאָן, (יט״א). אויף אַן אָרטאָדאָקסישער פערזאַמלונג וואָס איז די טעג פאָרגעקומען אין לאָנדאָן איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס צו שטיצען דעם פּלאַן צו גרינדען אין א״י אַ קאָלאָניע א. נ. פון חפץ חיים. אין דער פערזאַמלונג האָבען זיך, אונטערן פאָרזיץ פון פּרעזידענט פון אָרטאָדאָקסישע קהלות אין ענגלאַנד דר. בערנאַרד האָמאַ, בעטייליגט מעהרערע אָרטאָדאָקסישע רבנים, דר. האָמאַ האָט מיטגעטיילט אַז דעם פּראָיעקט שטיצען 75 רבנים אין ענגלאַנד, און אירלאַנד. מיט רעדעס זענען צוו. אנד.: אַרויסגעטרעטען די רבנים זינגער, טווערסקי און אַבראַמסקי, און דער אגודה־פיהרער גודמאַן.

קאץ און מויז

(דערציילונג) • פון דוד פינסקי

ער איז געווען שטאַרק צופרידען מיט דעם עפעקט פון זיינע ווערטער. ער האָט געפילט איהר ווייטאָג אין די אויפצוקונגען פון איהר אָרעם, געזעהען איהרע טרעהרען, געהערט איהר האַרץ־געקשריי. גוט אַזוי! און אומברחמנות׳דיג האָט ער אַריינגעלאָזען זיך אין, דערקלעהרען, פאַרוואָס ער האַלט בערלין פאַר דער איינציגער שטאָט אויף דעם ערד־פּלאַנעט. ער האָט גערעדט אַזוי אומשולדיג, אין דער בעסטער שפּראַך, רייך אין פאַרב און בילדער, אַן אָביעקטיווער בעאורטיילער פון אַלע גרויסע שטעט, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט. אַן אָביעקטיווער בעאורטיילער, וועלכער האָט געמוזט ווערען אַ בעגייסטערטער פערעהרער פון דער גרעסטער דייטשער שטאָט, ווייל בערלין...

זי וואָלט זיך געקאָנט אונטערשרייבען אונטער אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער פאַרוואָס זאָגט ער עס איהר? ווייס ער נישט, אַז זי איז אַ יודיש קינד, וואָס איז געווען געצוואונגען צוזאַמען מיט איהרע עלטערן צו פערלאָזען איהר געבורט־שטאָט איהר הייס־געליבטער בערלין, און אַוועק אין גלות? די האָט אַ וואָרף געטון אויף איהם אַ פער׳גנבעטען בליק, דערזעהען זיין צופרידענעם שמייכעל, אויפגעכאַפּט אין זיינע אויגען דאָס סאַדיסטיש פייערל, וואָס האָט איהר אַזוי געשראָקען אין די אויגען פון אַלע נאַציס, וועלכע זי האָט אָנגעטראָפען. איצטער האָט זי שוין מעהר נישט געקאָנט פערטראָגען זיין האַנד אונטער איהר אָרעם. זי האָט געמאַכט אַ בעוועגונג ווי צו פערריכטען דאָס מיצאל אויף איהר קאָפּ, בעפרייט זיך פון זיין האַנד, איז צוגעגאַנגען צו דער פאָרענטשע און געבליבען שטיין מיט׳ן רוקען צו איהם, געקוקט אויף די כוואַליעס.

ער איז געוואָרען אַביסעל איבערראַשט, האָט איהר נאָכגעקוקט, געמיינט אַז זי האָט עפּעס אַ בעשטימטען צוועק מיט איהר גאַנג צו דער פאָרענטשע, איז געשטאַנען און האָט געוואַרט. ווען זי איז געבליבען שטיין גאַנץ אָהן אַ בעוועגונג, איז ער צו געגאַנגען צו איהר.

זי האָט זיך אומגעדרייט צו איהם מיט׳ן געזיכט, שאַרף אָנגעקוקט איהם און פּע־ט אַרויסגערעדט:

„איהר האָט מיר וויי געטון.“

„ווי אַזוי?“ — האָט ער תמ׳עוואַטע געפרעגט.

„ווייסט איהר עס אַליין נישט?“

„אָבער ווירקליך!“

„פאַרוואָס האָט איהר גערעדט צו מיר וועגען בערלין?“

„וואָרום דען נישט?“

„איהר מוזט וויסען — וואָרום.“

די האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט. ווידער איז ער איהר פאָרגעקומען בעקאַנט. געוויס האָט זי אַמאָל געזעהען זיין בילד. עס מוז זיין אַן „עמיצער“. זיכער אַן אינטעלעקטועלער, אַ מענש פון גייסט. אָבער אין זיינע אויגען איז געלעגען אַזוי פיל האַרטקייט, וואָס ער האָט איצטער געזוכט צו בעהאַלטען אונטער אַ ליבענסווירדיגען שמייכעל און נישט געקענט, ווייל דער שמייכעל איז פאָרט געווען אָפלאַך. אַזוי וואָלט אַ קאַץ געשמייכעלט.

„די בלאָנדע בעסטיע“, האָט זי אַ טראַכט געטון, און איהר אָטעם האָט זיך פערשנעלערט.

„אָבער איך ווייס ווירקליך נישט“ — האָט ער געזאָגט אין טאָן, וואָס האָט נישט דערלאָזען קיין שום צווייפעל.

„איהר מוזט וויסען, אַז איך האָב מיין מוטער־שטאָט בערלין נישט פרייוויליג פערלאָזען....“

„פון וואַנען זאָל איך עס וויסען? איהר זעהט מיר נישט אויס ווי איינע, וואָס איז בעגאַנגען אַ פערברעכען און האָט געדאַרפט אַנטלויפען.“

„איך בין בעגאַנגען אַ פערברעך.... אַ גרויסען פערברעך...“

„איהר? אוממעגליך!“

„איך בין אַ נישט־אַריערין!“

„אַך, אַזוי!“ — האָט ער אויסגערופען, ווי ער וואָלט נישט נתפעל געוואָרען. „דאָס גייט מיר נישט אָן“ — האָט ער צוגעגעבען און איז צוגעגאַנגען צו איהר.

אין זיין שטים און אין דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט איז געלעגען פעראַכטונג צו דעם, וואָס די אַנדערע טוען מיט יודען, ער אַליין איז איבער האַסען־פאָראורטיילען. „מיך גייט עס גאַנץ און גאָר נישט אָן“ — האָט ער בעקרעפטיגט. „וואַנזין! איך וויל וועגען דעם אפילו נישט רעדען. צו וואָס פערדאַרבען גוטע שטימונג? איך בין גליקליך, וואָס איך געפין זיך אויפ׳ן ים, ווייט פון דעם העסליכען, ווידערליכען געצאַנק דאָרט דרויסען. זייט איהר עס נישט? מיר זאָלען דאָך נישט ערלויבען, אַז די פערפעסטעטע, גיפט־טראָגענדיגע שטינקעריי פון דאָרט דרויסען זאָל אַרויפבלאָזען איהר הויך אויף אַ פריינדשאַפט, וועלכע האָט זיך ערשט אָנגענומען און וועט זיך צושפּראָצען און אויפבליהען...“

ער האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון טיפער איבערצייגונג און מיט האַרץ. געזוכט די שאַרפסטע ווערטער, אַרויסגערעדט זיי מיט אַ שיינער, קרעפטיגער שטים אין בעסטער דייטשער אויסשפּראַך, פון צאָרן אויף דער אויסען־וועלט וואָס קאָן נישט געפינען קיין רוה.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ פראַגעצייכען, געהערט איהם מיט צווייפעל. אָבער עס מוז דאָך זיין אמת וואָס ער זאָגט. ער ווייס איצט בעשטימט, אַז זי איז נישט קיין אַריערין, און איז נישט ניט אַנטלאָפען פון איהר. אומגעקעהרט אפילו. ער איז צוגעלאָזענער געוואָרען....

איהר איז געוואָרען מאָדנע צום מוט. אָט אַזוי וויז דאָך געווען פאַר דער היטלער־קאַטאַסטראָפע!... זי האָט דערפילט היים, מוטערשטאָט, פאָטערלאַנד, דייטשלאַנד, דייטשטום... ווי גוט די דייטשע שפּראַך האָט געקלונגען! יעדעס וואָרט איז געווען מוזיק. אומפערגלייכליכע, האַרציגע, שטאַרקענדיגע, טיף אין דער נשמה־גייענדיגע. ער איז איהר געוואָרען אַזוי נאָהענט, אַזוי פערקרובט...

זי האָט זיך אָפגערוקט פון דער פאָרענטשע, און ווייל איהר געזיכט איז געווען געווענדעט צו דער זייט פון דעם הינטער־דעק, איז זי אַוועק צוריק אויף דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג. ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר, ווידער אַריינגערוקט זיין האַנד אונטער איהר אָרעם. איצטער האָט זי נישט אויפגעציטערט: זי האָט אָנגענומען זיין האַנד, ווי די האַנד, פון אַן אייגענעם, אַ נאָהענטען. ווען ער וואָלט עס נישט געטון, וואָלט זי געהאַרט און געבענקט.

איצט האָט ער געוואוסט, אַז זי וועט זיין זיינע. ביז ניו־יאָרק זענען נאָך פיר טעג, דאַרף ער פיר טעג? פיר שעה וועלען גענוג זיין. ער האָט שוין געהאַט אַ סך ערפאַהרונג. עטליכע קיצעל־דיגע עפּיזאָדען פון זיין לעבען לויפען איהם דורך זידען אויף זיין בלוט. אָבער זיין צונג רעדט רוהיג, פאַטעטיזירט, חנדלט זיך.

(סוף מאָרגען)

די פוילישע פרעסע וועגן דעם פראצעס
ארום די געשעהענישען אויף פאוואנזעק

אין שייכות מיט'ן פראצעס וועגן די אנטי־יודישע געשעהענישען אויפ'ן פאוואנזעק אין פאר־גאנגענעם יאהר, בעת וועלכע עס איז דערהרגעט געווארען דער יוד יחזקאל דעלמאן, האט דער בעכטיגער קאנסערוואטיווער „טשאס“ פערעפענטליכט א ארטיקעל אין וועלכען עס ווערט ארומגערעדט די ראלע פון די פערטיידיגער אין דאזיגען פראצעס, כאראקטעריזירענדיג די אנגעקלאגטע אלס געוועהנליכער געזעלשאפטליכער אפפאל, מעסער שטעכער און סעקסועלע דעגענעראטען, וואס גאסען מהומות איז זייער עלעמענט אין וועלכען זיי לעבען זיך אויס שרייבט דער אויטאר צווישען אנדערען פאלגענדעס: „עס פערטיידיגט זיי די עליטע פון יונגען יורידישען דור אין פוילען, עס פערטיידיגט דער אמאליגער לאנג־יעהריגער פרעכטיגער פרעזעס פון דעם ווארשאווער „בראטניא פאמאץ“, עס פערטיידיגט א וויסענשאפטלער און קראקאווער אוניווערזיטעט־טוער. די פערטיידיגער און אנגעקלאגטע זענען צוויי פערשידענע געזעלשאפטליכע קלאסען, זיי בילדען אבער דעמזעלבען מיליטערישען יאהרגאנג און דעמזעלבען דור, אויב אויף פאוואנזעק קען מען רעדען וועגען אידעאלאגיע פערבינדעט זיי, דיזעלבע וועלט־אנשויאונג. די דאזיגע וועלט־אנשויאונג ענטוויקלען די רעדנער פון דער פערטיידיגונג — 15 זענען זיי — אין א רייהע רעדעס. צום סוף פון יעדע רעדע האט מען דעם איינדרוק, אז שולדיג איז די וועלט יודען, די ארימסטע יודישע קרעמערקעס און ענדליך דעלמאן וועלכען מען האט ערמארדעט. עס איז שווער צו גלויבען, אז די דאזיגע רעדעס זאלען איבערצייגען די ריכטער, אבער דאס פובליקום פון פראצעס בעשטעהט נישט פון בלויז פון ריכטער. יעדעס ווארט פון די 7 אדוואקאטען, וואס בעמיהען זיך ריינצוואשען די בעשולדיגטע פון מעשים וואס איבעראל זענען זיי געווען מעשים געגען דער עפענטליכער ארדנונג, זענען געווען א אקט איבער וועלכען עס האט געלאסטעט נישט נאר דער אויטא־ריטעט פון פאליציאנט, נאר אויף דער אויטאריטעט פון אלגעמיינער פערארורטיילונג. דער דאזיגער אויטאריטעט ווערט איצט אונטערגעשוואנקט מיט יעדער רעדע, יעדע רארגומענטאציע“.

ווייטער פיהרט דער אויטאר אויס, אז אין געריכט האט זיך פערבינדען א קאנטאקט צווישען צוויי טיילען פון יונגען דור. איין טייל פון יונגען דור איז בעזעסען אין געריכט, וויסענדיג, אז זי איז בעגאנגען א עולה חטא, פערברעכען. א דאנק דער צווייטער העלפט וועלט, זי איז פון דארט ארויס מיט דער איבערצייגונג, אז זי איז נאר א בעשיצערין פון רעכט, אז זיי זענען נאר העלדען.

ווייטער רעדט אויך דער ארטיקעל ארום די ראלע פון עדות גלת קריגער, וועלכער איז נישט געשטאנען אויף דער הויך פון זיין אויפגאבע.

אויך דער „קורייער פאראנני“ האט פערעפענטליכט א לענגערע בעטראכטונג וועגען דאזיגען פראצעס. דער אויטאר שטעלט זיך אפ קודם כל אויף דעם פאקט וואס דאס געריכט איז געגאנגען אויף דעם וועג דאס אין פראצעס זאל נישט קומען צו אויסדרוק דער הינטערגרונד פון די אנטי־יודישע געשעהענישען און ער פערענדיגט אויף פאלגענדען אופן:

ס'איז געווען א פראצעס: כ'וואלט זאגן עטווא א פערמאסקירטער, א פערארייפאכטער ביז צו בעוואונדערונג; דער ציל פון דעם איז א שעהנע — ווייל רוהיגקייט, ארדנונג, א אונווילען אויפצורייצען די שלעכטע ליידענשאפטען, אבער צי איז דאס א גענוגענדער ציל? צי וואלט מען נישט געקענט דערגרייכען דיזעלבע רעזולטאטען דורך פיהרען דעם פראצעס ביי פערמאכטע טירען, און שאדען פאר דעם פאקטישען אמת? ווייל א געריכט — איז דאך א געריכט און נישט קיין טראגישע העפליכע פערגניגונג“.

די ארבייטער-סינדיקאטע אין בעלגיען געגען די אויסלענדער-בעגרענצונגען
פראטעסטירען געגען ארויסשיקען אויסלענדישע ארבייטער

(פון אונזער קארעספאנדענט)

די געגעראל־קאנפערענץ פון די בעקלייד־ארבייטער סינדיקאטען פונ'ם בריסעלער אראנדיסמאן, וואס איז אבגעהאלטען געווארען די טעג, האט אנגענומען א שארפע רעזאלוציע געגען די אנטי־אויסלענדער־פעראָרדנונגען, וועלכע זעהען פאר צוצונעהמען דאס ארבייטס־רעכט ביי איינִיגע טויזענד אויסלענדישע ארבייטער.

ווי בעקאנט, איז דאס אנטי־אויסלענדער געזעץ נאך א ירושה פון דער פריהערער רעאקציאנערער טעניס־רעגירונג. איצט פאדערען די ברי־סעלער סינדיקאטען, אז די דאזיגע „נויט־פעראָרדנונג“, צוזאמען מיט אנדערע רעאקציאנערע געזעצען זאל בטול געמאכט ווערען דורך דער איצטיגער דעמאקראטישער רעגירונג.

* * *

אט איז דער טעקסט פון דער וויכטיגער רעזאלוציע:

1) די בריסעלער פעדעראציע פון די בעקלייד־ארבייטער מאכט אויפמערקזאם די סאציאליסטישע מיניסטארען און דער רעגירונג פון וואן־זעעלאנד, אז דאס איינפיהרען אין לעבען די איבערגעבליבענע רעאקציאנער'ע אנטי־אויסלענדער־געזעצען איז נישט נאר אונמענשליך, נאר אויך אין סתירה מיט די אנגענומענע פרינציפען פון אינטערנאציאנאלער ארבייטער־סאלידאריטעט.

2) מאכט אויפמערקזאם, אז דאס ארויסשיקען עטליכע טויזענד אויסלענדישע ארבייטער איז נישט קיין לייזונג פון קריזיס און פון דער ארבייטסלאזיגקייט, נאר פערקעהרט: ווענדעט אב די אויפמערקזאמקייט פון די ארבייטענדיגע פון זייער אמת'ן קאמף;

3) נעהמענדיג אין אכט, אז די דאזיגע פראצעדור, מיט וועלכער עס בענוצען זיך אזוי גערן די שאוויניסטען פון אלע לענדער, איז נאר ערגער אויפצוהעצען די בעלגישע ארבייטער געגען זייערע פר־עמד־מלוכה'שע קלאסען־ברידער;

4)) פראטעסטירט די פעדעראציע אמשארפסטע געגען דער אנווענדונג פון יענע מיטלען, בעדויערט, אז די צענטראלע פון די סינדיקאטען ווייזט ארויס א „שוואכקייט“ אין דער פראגע; פאדערט תיכף צוריקצוציהען די נויט־פעראָרדנונג.

אחוץ דעם האט די פעדעראציע בעשלאסען ארויסצושטעלען דעמאנסטראטיוו אויף דער נאהענטסטער ארבייטער־מאניפעסטאציע אין בריסעל די דאזיגע פאדערונג — און צו ווירקען מיט אלע מיטלען ביי די צענטראלע ארבייטער־אינסטאנצען אז די אלע בעגרענצונגען פאר אויסלענדישע ארבייטער זאלען אפגעשאפט ווערען.

* * *

דער דאזיגער בעשלוס איז אן אקט פון מוט אין דער איצטיגער צייט פון פרעמדען־העצע. דער יודישער ישוב אין בעלגיען — נישט נאר די היגע יודישע ארבייטערשאפט — וועט אויפנעהמען מיט פרייד די ידיעה וועגען די ערשטע סינדיקאטען וואס ווילען זיך אננעהמען די קריוודע פון די אויסלענדער.

צי די סאציאליסטישע מיניסטארען אין בעלגיען וועלען נעהמען אין אכט די פאדערונג, — איז א פראגע, ווייל פיל אנפיהרער פון די סינדיקאטען זענען פאר די בעגרענצונגען.

איז די פראגע — ווען די סאציאליסטישע מיניסטארן וועלן רעדן... אבסערוווער.

פון יענער זייט לאדזשער בית-דין-שטוב
(אינטערעסאנטע דין־תורה)

צי איז א טימטאם... ראוי צו בעקומען א סערטיפיקאט קיין פאלעסטינא?

גימפעל גרונים פלאקענשיסער איז איינער פון די עלטסטע און טעטיגסטע ציוניסטען נישט בלויז פון שטעטעל וו. נאר דאכט זיך, אז אפילו אויך פון דער גאנצער מדינה.

וויפיל קריזיסען דער ציוניזם האט נישט דורך־געלעבט. גימפעל גרונים'ס ציוני־סטישער ברען האט זיך אויף קיין מינוט נישט אפגעקיהלט.

שווער צו זאגען פון וואסער'ע גרופירונגען אין ציוניזם גימפעל גרונים איז געווען אנ'אנהענגער, צי האט ער געהערט צום וועלט־פערבאנד אדער צו דער וועלט־פעראייניגונג, צי איז ער געווען א יודענשטאטלער אדער גאר א רעוויזיאניסט, א התאחדות'ניק אדער אפשר גאר א מפא'ניק, איינס איז אבער זיכער, אז אלע ביז אהער פראקלאמירטע ציוניסטישע אקציעס האט ער גענומען דעם שטארקסטען אנטייל און אין אלע ביז איצט ארגאניזירטע קאמיטעטען, קאמיסיעס, אדער אנדערע איינריכטונגען האט ער פערנומען דעם אויבנאן.

פאר דער ציוניסטישער אידעע האט גימפעל גרונים מקריב געווען זיין געלד, זיין בשמה, 30 בעסטע יאהרען פון זיין לעבען, און דינסט פון ציוניזם איז גימפעל־גרונים געווארען אנ'אינוואליד, א צובראכענער מענש, די בעוועגונג האט איהם דעריבער צום סוף אויסגעשפיגען.

אנדערע טויער יונגערע מיט מעהר חוצפה און דעמאגאגיע אבער מיט ווייט ווייניגער אידעאליזם און בעוואוסטזיין האבען זיך צוגעכאפט צום פארטייי רודער. גימפעל גרונים האט זיך אנגעהויבען צו פיהלען אין שטעטעל עלענד און איבריג, ער האט געמאכט די לעצטע אנשטרענגונגען צו קענען פאהרען קיין פאלעסטינע אין לאנד, וואס איז געווען זיין איינציגער טרוים און פאר וועלכען ר'האט אוועקגעגעבען זיינע אלע כוחות.

אלס אנערקענונג פון גימפעל גרונים'ס פער־דינסטען פאר דער ציוניסטישער בעוועגונג האבען די בערופענע אינסטאנצען פאר איהם בעשטימט א סערטיפיקאט, גימפעל גרונים'ס שמחה איז געווען גרויס, ער וועט דאך דארט קענען אנהייבען פיהרען א נייע לעבען און פערגעסען אין גלות אן שטעטעל מיט די נייע פארטיי־תקופים. גימפעל גרונים האט זיך שוין געגומען גרייטען אין וועג אריין.

אין דער לעצטער מינוט בעקומט ער אבער א מעלדונג, אז ער זאל זיך מיט דער נסיעה אויפהאלטען. ווייל זיין סערטיפיקאט איז קוועסטיאנירט געווארען. אויף דעם פערביטערטען און נידערגעשלאגענעם גימפעל גרונים ווירקט די ידיעה ווי א דינער, ער הויבט אן צו שטורמען די אינסטאנצען און פרובט צו דערגיין, וואס איז דאס אזוינס פלוצלונג געשעהען — דאן דערוואוסט ער זיך, אז ס'איז אנגעקומען אויף איהם אנ'אנקלאגע פון דעם נייעם פארטיי־לייטער פון זיין שטעטעל, אין וועלכער מ'מאכט איהם מיט דער בלאטע צוגלייך. די גרעסטע מניעה צו בעקומען דעם סערטיפיקאט איז לויט דער מיינונג פון דער אנקלאגע דאס, וואס גימפעל גרונים איז א טימטאם... נאך ארץ־ישראל דארפען פאהרען נאר אזעלכע פערזאנען, וועלכע זענען פעהיג זיך צו פרוכפערען און מעהרען אבער נישט קיין וויסטע שטיינער.

דער לעצטער ארגומענט האט טאקע אפנים גע־ווירקט אין די הויכע פענצטער און דער סערטיפיקאט פאר גימפעל גרונים'ן איז צוריקגעצויגען געווארען.

נישט קענענדיג אויף אנ'אנדערען אופן די גזירה בטול מאכען איז דעם פערצווייפעלטען גרונים גימפלען איינגעפאלען א געדאנק צו רופען דעם אנטיגען פאלעסטינע אמט צו א דין־תורה.

לאנג האט דאס בית־דין גענישטערט ארום דער האריבער שאלה, צי א טימטאם איז ראוי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

אויסהערענדיג גענויע אויפקלערונגען פון די פאלעסטינא־אמט־פירער, אז טויערן און טירען אין א״י זענען פערשלאסען פאר דער יודישער אימיגראציע, מיט וואסער'ע שוועריגקייטען און בעגרענצונגען ס'איז פערבונדען ארויסצובעקומען פון דער מאנדאט־מאכט א סערטיפיקאט און ווי נויטיג ס'איז פאר די יודישע אינטערעסען אין ארץ ישראל א נאטירליכער צוואוקס פון דער בעפעלקערונג, האט דאס בית־דין ארויסגעטראגען א פסק־דין, אז די האנדלונג פון ארטיגען קאמיטעט איז באמת געווען א ריכטיגע און אז א טימטאם טאר נישט בעקומען קיין סערטיפיקאט אין ארץ־ישראל.

דער אומגליקליכער גימפעל גרונים וועט שוין אלזא מוזען זיין רעשט־ביסעל בעשערטע לעבענס־טעג אפמאטערען אין שטעטעל וו.

ארגוס.

איפערזוכט
(דערצעהלונג)

פון פ. וועדעקינד
יודיש — א. פען

— האסט גארנישט וואס מורא צו האבען, מיין ליב יונגעל — האט פעני צו מיר א זאג געטון, ווען איהר מאן האט געדארפט אנקומען — פער־הייראטע מענער זענען בלויז דעמאלט אייפער־זיכטיג, ווען זיי דארפען נישט זיין. און ווען זיי דארפען מיט אנ'אמת זיין אייפערזיכטיג, ווערען זיי בלינד און זעהען גארנישט. איך האב אנ'אויס־געפרובט מיטעל פאר אייפערזוכט.

— וואס איז דיין מיטעל? — האב איך זי געפרעגט א פער'חחידוש'טער.

— מיין מיטעל? — האט פעני געשמייכעלט — אין דעם זעלבען טאג, ווען דו ביזט געווארען מיין געליבטער, האב איך איהם געזאגט, אז כ'האב דיך ליב. פון דעמאלט אן חזר איך עס פאר איהם איבער צוויי מאל א טאג.

— און ווילסטו מיר זאגען, אז אזא מיטעל קאן לאנג אנהאלטען? — האב איך זי געפרעגט.

— דאס קאן קיינמאל נישט דורכפאלען — האט זי געזאגט מיט זיכערקייט.

איך האב שטארק נישט געגלויבט אין דער זיכערקייט ביז ס'האט עפעס פאסירט, און איך האב אנגעהויבען גלויבען אין פעני'ס זיכערקייט.

פונקט דעמאלט האב איך געוואוינט אין דער זאמע מיט שטאט, אין א קליין געמעבלירט צימערל אויפ'ן פערטען שטאק. כ'פלעג ליב האבען צו שלאפען א שטיק אין טאג אריין. אין א זוניגען טאג, ארום ניין אין דער פריה, האט זיך די טיר געעפענט און פעני איז אריינגעקומען. זי נאר מיר האבען זיך צוגעדעקט מיט'ן לייעק, האבען זיך דערהערט טריט לעבען מיין טיר. מען האט אנגעקלאפט. כ'האב קוים צייט געהאט איינ־צודעקען פעני'ן, אריבערצוציהען ס'לייעלע איהר איבערן קאפ, ווי איהר מאן איז אריינגעקומען. ער האט געסאפעט, געשוויצט. די פאר שטאק האבען איהם אויסגעמאטערט. ס'פנים אבער האט געלויכטען פון פרייד.

— כ'בין געקומען דיך איינלאדען פאר א שטיקעל רייזע. רעדער, שלעטער און איך — מיר וועלען פאהרען מיט דער באהן ביז עבענהויזען און פון דארט וועלען מיר פאהרען אויף אונזערע רייטוועגעלעך קיין אמערלאנד. וואס אמת — כ'האב געדארפט היינט ארבייטען. מיין ווייב איז פריה אוועק פון שטוב. זי איז צוגעגאנגען צו די ברעכ־מאנס, א קינד איז דארט קראנק. ס'איז אבער אזא שיינער טאג, אז איך האב נישט געקאנט איינזיצען אין שטוב. איך האב געטראפען רעדער'ן און שלעטער'ן אין דער קאפע און מיר האבען בעשלאסען צו מאכען די רייזע. די באהן פאהרט אפ ארום עלף.

בשעה ער האט גערעדט בין איך געקומען צו זיך, איך האב געוויזען אויפ'ן בעט און האב א שמייכעל געטון:

— זעהסט דאך, אז כ'בין נישט אליין.

— אודאי זעה איך — האבען זיך די אויגען ביי איהם צושפיילט.

ער האט זיך א רוק געטון צו דער שטול, וואו אויפ'ן ווענטעל איז געלעגען א באטיסטען העמדעל אהן ארבעל. אויפ'ן העמדעל — אנ'אויס־געהאפטענער מאנאגראם. איבער'ן העמדעל — זיי־דענע זאקען. זיינע אויגען האבען געוואנדערט איבער די ווייבערשע זאכען.

זיינע הונגעריגע אויגען האבען זיך געשאר'ט איבער'ן לייעלע. איך האב מיט איין האנד א הויב געטון ס'לייעלע ביז צו איהר האלז און מיט דער צווייטער האנד האב איך דהרכ'ן לייעלע איהר צו־געמאכט ס'מויל. כ'האב איהם געפרעגט:

— האסט שוין אמאל געזעהען אזא שיינ־קייט?

די אויגען זענען ביי איהם געקראכען פון קאפ. ער איז געווען צומישט, האט געשטאמעלט:

— וואס אמת איז אמת. האסט געשמאק. כ'וועל גיין און דו וועסט מיר ענטשולדיגען, וואס כ'האב דיר געשטערט.

כ'האב איהם ארויסבעגלייט, אפגעמאכט זיי זאלען אויף מיר ווארטען אין עבענהויזען, איהם בעדאנקט פאר דער איינלאדונג.

איך בין געבליבען שטיין אהן אטעם, האב געווארט ביז ער איז ארויס פון הויז. ערשט דע־מאלט האט פעני זיך א ווארף געטון אויף מיר. זי האט זיך, ווי א משוגענע, געווארפען אויף מיר, האט מיך געשאלטען, האט מיך געקראפען אזוינע נעמען, וואס איך האב קיינמאל פריהער נישט גע־האט געהערט. און אז זי איז אריין אין איהרע קליידער, איז זי גרייט געווען מיר אנצושפייען א פול פנים.

— וואוהין גייסטו? — האב איך זי געפרעגט.

— כ'ווייס נישט.... כ'גיי זיך טרינקען... כ'גיי זעהן וואס ס'קראנקע קינד מאכט.... כ'גיי, כ'ווייס אליין נישט!

ארום צוויי נאכמיטאג בין איך געזעסען מיט מיינע חברים אין עבענהויזען און געשמאק געגעסען מיטאג. פעני'ס מאן האב איך פון אויג נישט אפ־געלאזט. ער איז געווען אויפגעלייגט, האט מיך אין גארנישט חושד געווען. פון מאל צו מאל האט ער א קוק געטון אויף מיר א צופרידענער, זיך געריבען פון פרייד די הענד און קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. מיר האבען גוט פערבראכט דעם טאג און ארום צעהן אין אווענד זענען מיר צוריק געווען אין שטאט. מיר האבען אפגעמאכט צו פערברענגען נאך א שעה אין א קאפע. פעני'ס מאן האט זיך געווענדעט צו אונז:

— פעני איז א גאנצען טאג געווען מיט'ן קראנקען קינד. כ'וועל צולויפען נאך איהר.

ס'האט לאנג נישט גענומען און ער האט זי געבראכט. מען האט גערעדט וועגען אונזער רייזע. פעני האט כמעט ווי נישט גערעדט, האט אויסגעמיטען מיין בליק. דערפאר איז פעני'ס מאן געווען גליקליך, ווי ער וואלט זיך איבערצייגט, אז ער האט געטראגען אנ'אומזיסטען חשד אויף עמיצען.

אין א חודש ארום האבען מיר זיך איבערגע־בעטען. פעני האט מיר איבערגעגעבען, וואס דער מאן האט אין יענעם טאג דערציילט:

— איצט ווייס איך, פעני, וואס פאר א פאר־שוין דיין „ליב יונגעל“ איז. דו האסט איהם ליב און ער לאכט דאך פון דיר און פון דיין ליבע. זיינט האב איך זיך ארויפגעכאפט צו איהם. פער־שטייט זיך, ער איז נישט געווען אליין. זיין געליב־טע איז א שיינקייט, צו זוכען, און דו, פעני, וועסט קיינמאל מיט זיין געליבטער נישט קאנען קאנקורירען.

בין איך געווארען, אז פערהייראטע מענער זע־נען בלויז דעמאלט אייפערזיכטיג, ווען זיי דארפען נישט זיין. און ווען זיי דארפען מיט אנ'אמת זיין אייפערזיכטיג, ווערען זיי בלינד און זעהען גאר נישט.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

מיטוואך, 9 אקטאבער
י"ב תשרי תרצה

זון-אויפגאנג 5.50
זון-אונטערגאנג 4.56

שפאצירן וועט מען אויף קאשטשושקי-גאס

מ'וועט זיך ווייטער לערנען געהען. — שטיל וועט זיין אין די גאסען. — האלט ריין די שטאט.—מ'מעג אריבערגעהען אין מיטען גאס

פרעסע קאנפערענץ איז דער סטאראסטווע

ביים שטאטישען סטאראסטע דר. ווראנא איז פארגעקומען א פרעסע־קאנפערענץ וועגען רעגולירען די פראגע פון דער קאמוניקאציע ביי אונז אין שטאט. אין אנהויב פון דער קאנפערענץ האט דער סטאראסטא אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט צו רעגולירען דעם פוס־ און ראד־פערקעהר אין דער שטאט, וואס ווערט בעשווערט דערמיט וואס די גאסען זענען שמאל און אויף עטליכע אפשניטען זענען די גאסען צופיל בעלאסטעט.

די שוועריגקייטען קומען אויך צוליב דעם, וואס די פאראלעלע גאסען צו דער פעטריקאווער זענען אין א שלעכטען צושטאנד וואס מאכט נישט מעגליך צו ענטלאסטען די הויפט גאס.

דער סטאראסטא האט ווייטער מיטגעטיילט אז ס'איז שוין בעשטימט געווארען די ערשטע סומע צו בעזייטיגען דעם טונעל וועלכער פעראייניגט די טראמוואיאווע גאס מיט דער וויסאקא און מ'וועט באלד דארט אנהויבען בויען א רעגולערען אדורכגאנג.

דאן איז דער סטאראסטא איבערגעגאנגען ארומצורעדען די רעזולטאטען פון קורס זיך לערנען געהען אין די גאסען, וואס איז ערשט אדורכגעפיהרט געווארען. דער סטאראסטא האלט, אז דער קורס איז געווען נויטיג, ס'איז אויסגעשולט געווארען א בעדייטענדע גרופע פאליציאנטען וועלכע וועלען איצט געבען אנווייזונגען דער בעפעלקערונג. אין צוזאמענהאנג דערמיט וואס די בעפעלקערונג בעקלאגט זיך אויף די פארשריפטען האט דער סטאראסטא בעטאנט אז עס האנדעלט זיך אבסאלוט נישט וועגען בעשטראפען פאר איבערשרייטונגען נאר וועגען צוגעוואוינען די מענשען צום ריכטיגען געהען. די פארשריפטען מיינען נאר די טובה פון דער בעפעלקערונג אליין.

ווער ס'האט ווירקליך א דרינגענדען ענין קען ער אריבערגעהן אויף דער אנדער זייט גאס, אויף יעדען ארט,

מען מוז אבער געהען גלייך און נישט קווער, מיט שנעלע טריט, און קודם כל געדענקען אז מען טוט דאס אויף אייגענער ריזיקא, אריבערגעהען ביי די גאס־קרייצונגען איז פארשטעהט זיך ווייניגער ריזיקאליש ווייל דער ראד און טראמוואי פערקעהר מוז ביי די עק־גאסען לאנגזאמער געהען. אין מיטען גאס איז דער דורכגעהער בעדראהט איבערגעפאהרען צו ווערען דורך א טראמוואי אדער אויטא. **עס וועט אבער בשום אופן נישט ערלויבט ווערען שלעפען זיך אדער שפאצירען אין מיטען גאס, אדער פלוצלונג צוריק געהען פון דער העלפט גאס.** דאס וועט בעשטראפט ווערען.

דער איצטיגער קורס האט לויט דער אפשאצונג פון סטאראסטא, געגעבען א רעזולטאט אויף 20 פראצענט, אבער די סטאראסטווע וועט ווייטער ארבייטען אין דער דאזיגער ריכטונג, און ענטשפרעכענדע מאמענטען וועט דער קורס איבערגעחזרט ווערן. ס'איז אויך ארויסגעגעבען געוואן א פעראָרדנונג אז אלע 1000 פאליציאנטען וועלכע געפינען זיך אין לאדז אהן אונטערשיד צי זיי האבען דינסט אדער נישט, זאלען אכטונג געבען וואס עס טוט זיך אויף דער גאס און אין א פאל פון נויטווענדיגקייט זאלען זיי אינטערווענירען, די אנסטרוקציעס עמפעהלען נישט ארויפצולייגן קיין שטראפען אויף די דורכגעהער, נאר צו לערנען זיי, פארשטעהט זיך, אז ביי אזא צאהל פאליציאנטען קענען פארקומען מיספארשטענדנישען אבער די סטאראסטווע בעמיהט זיך, אז דאס זאל וואס זעלטענער פארקומען.

צום סוף האט דער סטאראסטא אויסגעדריקט א דאנק דער פרעסע וועלכע האט פיל מיטגעווירקט אדורכצופיהרען די איניציאטיוו פון דער סטאראסטווע.

אויף וויטערדיגע פראגען ווי אזוי די סטאראסטווע וויל רעגולירען דעם פערקעהר אויף די טראטוארען אויף דער פעטריקאווער גאס, האט דער סטאראסטא דר. ווראנא פערזיכערט, אז ס'וועלן אין דער הינזיכט ארויסגעגעבען ווערען ענטשפרעכענדע פעראָרדנונגען. דער שפאציר וועט האפענטליך איצט אריבערגעטראגען ווערען אויף דער קאשטשושקי־גאס וועלכע ווערט איצט הערליך רעמאנטירט די בעלייכטונג וועט אויך דארט פארבעסערט ווערען און ס'וועלן געמאכט בעמיהונגען אז פארשידענע פירמעס זאלען דארט איינארדנען זייער ליכט רעקלאמעס, וואס וועט אויפלעבען די דאזיגע גאס.

ס'ווערען אויך געמאכט בעמיהונגען אז אין גאס זאל זיין שטיל, די טראמוואיען זאלען ביים ארייננקירעווען אין אנדערע גאסען נישט אזוי סקריפען און די שאפערען זאלען נישט איבעריג טומלען.

דער סטאראסטא האט אויך אפעלירט צו דער בעפעלקערונג אז די גאסען זאלען געהאלטען ווערען ריין.

געשמוגעלט מענשען קיין ראטן-פערבאנד

53 פערזאן! אויף דער בעשולדיגונגס-באנק פון היגען קרייז-געריכט

(א) נעכטען האט זיך אין לאדזער קרייז־געריכט אנגעהויבען דער גרויסער פראצעס, וואס טראגט א מין „פאליטישען" שמוגעל־כאראקטער.

עס האנדעלט זיך נעמליך וועגן דעם, וואס א גאנצע רייה ראוונער און לאדזער איינוואוינער זענען בעשולדיגט אין אריבערשמוגלען מענשען איבער דער אומלעגאלער אזוי־גערופענער „גרינער" גרעניץ קיין ראטען־פערבאנד.

ב דער בעשולדיגונגס־אקט נעמט ארום 53 פערזאן.

צווישען זיי די ארגאניזאטארען פונם מענשען שמוגעל: יצחק גאלדשטיין, נתן־הערש קרומפעלד און אהרן טייטעל פון ראוונע; משה באלין, יחיאל מאיר ליפשיץ, אליהו באגוכוואל, שמשון קזשאק, יאשע־נחום באגוכוואל, טוביה מינץ און יעקב־בער פוקס פון לאדז.

חוץ זיי: יצחק שיווערבוך, קאזשימיעזש כוינאצקי, משה אהרן ליכטמאן, יונה סעגאל, גרשון חלפין, וואלף קאנסטאנטינאווסקי, שייע־מאיר פינטשעווסקי, בערנשעל סרייטעל, אסתר פינטשעווסקא, עטל קרומפעלד, אברהם־מאיר שפאק, יוקעל באלין, יאן קאלאפיסקי, באזילי מאטינוק, יאן וואשטשוק, ביאקאלאי און טעאדאר מארטיניוק, וולאדזשימיעזש דאווידטשוק, מאיר וויינערמאן, פראנטשישעק זיער זשביצקי, בער ראזענבערג, יחיאל מאיר גאלדבערג, אברהם מאק, חיים ארענשטיין, אהרן שמואל קיפערמאן,ביילע צוקער, טויבע לאנגע, יאשע קאזשישמאק, טעאדאזי דוליוק, מיכאל בורי, הינדע פאוויטשקאווסקי, חיים פוקס, חיה ליפשיץ, הינדע פאקשיווא, אסתר גאלדשטיין, שמעון בורדא, איטשע הערש ליכטמאן, שלמה פעלדמאן, משה מאשעלמאן, לייב געלבארט, סטאניסלאוו שיגוליע, אייזיק חיים מענאס און הערש סענאטאר.

ווי געזאגט, געפינען זיך צווישען די בעשולדיגטע א סך איינוואוינער פון דער וואלינער וואיעוואדענשאפט, וועלכע זעלען אויף דער צייט פון פראצעס ארייגעזעצט ווערען אין די היגע טורמעס.

דעם רוב פון די בעשולדיגטע האט מען געבראכט פון די טורמעס.

צום פראצעס זענען געקומען אלע בעשולדיגטע חוץ קיפערמאנען.

די אדוואקאטען, וואס טרעטען ארויס אויף דעם דאזיגען גיגאנטישען פראצעס זענען פאלגענדע: קאבילינסקי, לעווין, מארקאוויטש מאניעלא, קעמפנער, ליפינסקי, שמעון לאנדוי, הענריק לאנדוי, ליילקער, ניפע, מארקא, פאפערנא, קאנארסקי, לעאן רובין, קארנבליט, וואלמאן, פינקשטיין, מאקסימיליאן רובין און די אפליקאנטען לייקין און הערץ

נעכטען איז אדורכגעלייענט געווארען דער בעשולדיגונגס־אקט און די פערהאנדלונגען זענען אפגעלייגט געווארען אויף הייגט.

דער פראצעס זאל געדויערען העכער 3 וואכען, און דער עדות פערהער זאל זיך ערשט אנהויבען דעם 12־טען ד. ח.

אפגעברענט ליסנער'ס שפילצייג-לאגער

דער היזק בעטרעפט 10,000 זלאטעס

(א) נעכטען' 4 פארטאגס איז אויסגעבראכען א גרויסע שרפה אין דעם שפילצייג געשעפט פון בראניסלאוו ליסנער (אויף פעטריקאווער 94) וועלכער געפינט זיך אין אנ'אלטער איינשטאקיגער הילצערנער געביידע פון די אלטע גוטע ועבער־צייטען אין לאדז.

דאס פייער האט, אנטרעפענדיג אויף לייכט־ברענענדען מאטעריאל ווי עס זענען די שפילצייג פון צעלאלאיד האלץ, טעקסטור א.ד.גל. האט זיך שנעל פערשפרייט און געדראהט צו איינשלינגען דאס גאנצע הויז.

אויפ'ן ארט זענען תיכף אנגעקומען 4 פייערשער אפטיילונגען, אונטער דער אנפיהרונג פונם קאמענדאנט אינזש. קאוואלטשיק. און א דאנק זייער מסירת־נפש'דיגער ארבייט וואס האט געדויערט העכער 4 שעה, איז געלונגען דאס פייער איינצולעשען.

דער בנין גופא איז אפגעראטעוועט געווארען און בלויז דער באלקען מיט דער פאדלאגע זענען אוועק מיטן פייער.

עס איז אויך פערברענט געווארען א גרויסער טייל פונם שפילצייג, און דער אלגעמיינער היזק בעטרעפט אנ'ערך 10 טויזענד זלאטעס.

סיי דער בנין און סיי די סחורה איז געווען אסעקורירט.

די אדורכגעפיהרטע אויספארשונג האט נאך דערווייל נישט פעסטגעשטעלט וואס עס איז געווען די סיבה פון דער שרפה. מען איז זיך משער אז — א קורץ־שלוס.

גענעראל-אקציע פון טעקסטילאוצעס

וועגען העכערען די ארבייטס-לוינען

(א) דער פראפעסיאנעלער טעקסטיל־ארבייטער־פעראיין, האט כידוע בעשלאסען אונטערצונעהמען א לוין־הוספה־אקציע אין שייכות מיט'ן טייערער ווערען פון די ארטיקלען פון ערשטען געברויך. צו דעם צוועק האט ער זיך אין דער ערשטער רייה אונטערגענומען צו קאנסאלידירען זיינע רייהען און ארייגציהען אונטער דער פאהן פון פערבאנד אלע טעקסטילאוצעס, בכדי אזוי־ארום צו גאראנטירען פאר זיך די פרוכטבארקייט פון דער אקציע.

עס איז שוין אויסגעארבייט געווארען א גענויער פלאן פון דער פראפאגאנדע אקציע, און דעם קומענדיגען שבת וועלען אין אלע פאבריקען פארקומען ענטשפרעכענדע פערזאמלונגען.

צוליב פאבריקס-דעלעגאטען

ערב א שטרייק ביי „קרושע און ענדע"

(א) אין דער פאבריק פון „קרושע־ענדער", פאביאניץ, האלט עס ביי א שטרייק, מחמת דעם, וואס די לייטונג פון דער פירמע זאגט זיך אפ אויפצונעהמען צוויי דעלעגאטען, וואס זענען אויסגעוועהלט געווארען דורך די ארבייטער.

די פאבריק־לייטונג וויל זיי נישט אויפנעהמען, ווייל זיי זענען געווען עדות אויף דעם בעקאנטען פראצעס וועגען ערמארדען דעם דיר. קאנענבערג.

אין נאמען פון די ארבייטער האבען שוין אינטערווענירט די קלאסען־פעראיינען, דער ארבייטס־אינספעקטאר, און דער טעקסטיל־פערבאנד, אבער די לייטונג זאגט ניין־און־ניין.

עס האלט, ווי געזאגט, ביי א שטרייק.

פאבאר-רשימה פון יאהרגאנג 1915

(א) מארגען, דאנערשטאג, דעם 10 דארפען זיך שטעלען צו דער פאבאר־רשימה אין מיליטער־ביורא אויף פיעטריקאווער 165 די מענער פון יאהרגאנג 1915, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 2. קאמיסאריאט מיט די פאמיליעס, וואס הויבען זיך אן מיט די אותיות:

R S Sz T U W Z Ż Ź

און פון 8. קאמיסאריאט – מיט די אותיות:

A B C D E F

מ'דארף מיט זיך מיטברענגען א פערזענליכען דאקומענט און א רעגיסטראציע־שיין.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

(א) מאנטאג, דעם 14. ד. ח. וועט אין לאקאל אויף פעטריקאווער 165 אמטירען א צוגאב־פאבאר־קאמיסיע פאר פ. ק. או. לאדז־שטאט 1.

עס דארפען זיך מעלדען די יונגעלייט פונ'ם יאהרגאנג 1914 און עלטער, וועלכע האבען זיך לעת עתה נישט צוגעשטעלט צו א מיליטער־איבערזיכט, האבען נישט רעגולירט זייער מיליטער־פליכט, וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 פאליציי־קאמיסאריאטען און האבען בעקומען נאמענטליכע אויפפאדערונגען פון דער לאדזער שטאטישער סטאראסטווע.

וויצע-פרעזידענט גאדלעווסקי איבערגענומען זיין אמט

נעכטען האט איבערגענומען זיין אמט אין דער לאדזער שטאט־פערוואלטונג דער ניי־נאמינירטער וויצע־פרעזידענט ה' מיקאלאי גאדלעווסקי.

דער נייער וויצע־פרעזידענט וועט האבען די אויפזיכט איבער דער בוי־אפטיילונג, שטאטישע פלאנטאציעס, גאזאוונע און קאנאליזאציע.

בעגרעניצט די זאמלונגען אין די שולען

(א) אין הסכם מיט דער פעראָרדנונג פון שול־קרייז־קוראטאריום, האט דער שול־אינספעקטאריאט ארויסגעגעבען בעזונדער'ע לייטער פון פאלקס־שולען אינסטרוקציעס מכוח'ן איינארדנען געלד־זאמלונגען אויף פערשידענע צוועקען.

די זאמלונגען ווערען בעגרעניצט אויסשליסליך פאר געזעלשאפטליכע צילען, און דערביי וועלען די איניציאטארען יעדעס מאל מוזען ארויסקריגען א דערלויבעניש פון קוראטאריום.

אפטייקן.

היינטיגע נאכט - דיזשורען

היינט ביינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען:

קאפראווסקי (נאוואמיעיסקא 15), טראווקאווסקי (בזשעזשינסקא 56), ראזענבלום (שרודמיעיסקא 21), בארטאשעווסקי (פעטריקאווער 95), סקווארטשינסקי (קאנטנא 54), ל. טשינסקי (ראקיטישינער 53).

Doktór
Z. Henrykowski
ספעציאל־ארצט פאר וועגערישע הויט־קראנקהייטען און מענער־שוואכע
9 טראגוטא 9
טעל. 262-98
נעהמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענד.
זונטאג פון 9 פריה ביז 12.30 בייטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע־זאל.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון צייהן און יאסלעס
Piotrkowska 164 tel. 114-20
צוריקגעקערט

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16
היינט פרעמיערע!
די נייעסטע מוזיקאלישע קאמעדיע פון דער סאוויעטישער פראד. א. נ.
הארמאניע
מיט'ן אנטייל פון די בעדייטענדסטע סאוויעטישע ארטיסטען.
אויסער'ן פראגראם:
„בירא-בידושאן"
אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 פריה.

דער אגראר-מיניסטער האט בע-זוכט די לאדזער וואיעוואדזשאפט

דעם 6. און 7. ד. ח. האט אויפ'ן שטח פון דער לאדזער וואיעוואדזטווע געווײלט דער אגראר-מיניסטער ה' יוליאן פאניאטאווסקי.

ער האט, אין דער בעגלייטונג פון וואיעוואדע ה' האוקע-נאוואק און הויפט-בעאמטע בעזוכט די פעלדער פון עקספערימענטאל-אינסטיטוט און די אגראר-שולע פאר פרויען אין קאשטשעליעץ, ווי אויך אנדערע אינסטיטוציעס. דער מיניסטער האט אויך בעזוכט גזשעגאזשעוו און בלאניע. אין אווענד איז ער צוריקגעפאהרען קיין ווארשע.

רעוואלווער און מעסער
דריי זעלבסטמארדען אין א מיטען דינסטאג

(א) אויף זאמענהאפא 34 האט זיך נעכטען אריינגעשאסען א קויל אין קאפ אריין דער 50-יאהריגער פאבריקאנט, יוזעף גורסקי. גישט קו-קענדיג דערויף, וואס ס'איז באלד אנגעקומען פא-גאטאוויע, און מ'האט אנגעווענדעט אלע מיטלען איהם אפצוראטעווען, איז ער אין שפיטאל גע-שטארבען. די סיבה פונ'ם זעלבסטמארד איז דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

* * *

(א) חוץ מזה זענען, מחמת ארומקריגערייען אין דער משפחה בעגאנגען זעלבסטמארד:

דער 27-יאהריגער סטעפאן דודעק (באבאווא 8), וועלכער האט זיך אריינגעהאקט א מעסער אין דער ברוסט אריין, און א געוויסע מאריא קוכטא (זגערזשער 7), וועלכע האט זיך איבערגעשניטען די אדערן אויף די הענד.

פאגאטאוויע האט דיביידע ערטיילט הילף.

מנינים אין די ימים-נוראים אין די לאדזער תפיסות

אזוי ווי יעדעס יאהר איז אויך אויף די פער-גאנגענע ימים - נוראים איינגעארדענט געווארען מנינים אין אלע היגע תפיסות פאר די יודישע ארע-סטאנטען, וועלכע קומען אפ זייערע שטראפען. אלע תפיסות זענען פערזעהען געווארען מיט חזנים, בעל-קוראי'ס, בעל-תקיעות און מיט אלץ וואס איז נויטיג געווען צום דאווענען. די היי-יאהריגע אקציע איז נאך פערשווערט געווארען צוליב דעם, ווייל די טורמע-מאכט האט נישט ערלויבט די טורמע ארעסטאנטען צוזאמען צו דאווענען מיט די, וועלכע זיצען אפ ארעסט פאר אדמיניסטראטיווע שטראפען, צוליב דעם האט מען אין מאנכע היגע תפיסות גע-מוזט איינארדענען צוויי בעזונדערע מנינים.

מיט דער אקציע האבען אנגעפיהרט די ה"ה פרנס אברהם רעכטמאן, נפתלי לעווין און אנד.

Dr. med. J. IMICH
ספעציאליסט פאר האלז-, נאז- און אויערען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
MONIUSZKI 1, tel. 209-97

Dr. med. WIKTOR ZIEGE
ספעציאל-ארצט פאר פרויען-קראנקהייטען און געבורטס-הילפע
צוריקגעקעהרט
SRODMIEJSKA 16, tel. 185-31

רעזולטאט פון דער ציהונג פון דער 2-טער עמיסיע
פון דער 3 פראצ. אינוועסטיציע-הלואה פון 5/10 1935

זל. 500.000 ס. 16913 אב. 4.
125.000 סער. 4805 אב. 9.
צו 50.000 זל. סער. 8260 אב. 31, ס. 15899, אב. 2.
צו 25.000 זל. סער. 4390 אב. 30, און ס. 13547 אב. 35.

צו 10.000 זל. ס. 1070 אב. 12, ס. 3128 אב. 32, ס. 4001 אב. 3, ס. 4012 אב. 47. ס. 5554 אב. 13, סעריע 5632 אב. 22, ס. 7943 אב. 31, ס. 11970 אב. 10, ס. 12317 אב. 13, ס. 13537 אב. 46, סעריע 15056 אב. 14, ס. 21797 אב. 47, סעריע 21927 אב. 45, ס. 22203 אב. 19,

צו 5000 זלאטעס: סעריע 91 אב. 10. ס. 420 אב. 41, ס. 1570 אב. 21, ס. 1586 אב. 15, ס. 1595 אב. 36, ס. 1767 אב. 30, סער. 3353 אב. 11, סער. 3645 אב. 47, סער. 4575 אב. 17, ס. 4677 אב. 17, ס. 4965 אב. 28, ס. 5032 אב. 27, ס. 5342, אב 50, ס. 5811 אב. 19, ס' 6271 אב. 28, ס. 7272 אב. 47, ס. 7328 אב. 3. ס. 8166 אב. 5, סעריע 8629 אב. 29, סעריע 9125 אב. 7, ס. 9940 אב. 23. סעריע 10116 אב. 34, ס. 10216 אב. 48, סעריע 10617 אב. 35, ס. 10648 אב. 26, סעריע 10774 אב. 41. סעריע 11073 אב. 17, סעריע 11176 אב. 46, סעריע 12926 אב. 46, ס' 13483 אב. 28, סעריע 14017 אב. 26, סעריע 14329 אב. 43, ס. 15975 אב. 33. ס. 15833 אב. 6, ס. 16171 אב. 46, ס. 16187 אב. 21, סעריע 16753 אב. 40, ס. 16853 אב. 45, ס. 16940 אב. 27, ס. 16753 אב. 40, ס. 16627 אב. 28, ס. 17157 אב. 6, סעריע 19892 אב. 6, סעריע 20281 אב. 36, ס. 19291 אב. 5, סעריע 20531 אב. 22, סעריע 20215 אב. 44, ס. 20699 אב. 29, ס. 22106 אב. 34, ס. 22284 אב. 49,

צו 2000 זלאטעס: סעריע 46 אב. 11, ס. 489 אב. 19, סעריע 767 אב. 5, ס. 1091 אב. 8, ס. 1244 אב. 33, סעריע 1273 אב. 19, ס. 1336 אב. 7, ס. 1498 אב. 19, ס. 1664 אב. 47, ס. 1693 אב. 1, ס. 1739 אב. 42, ס. 2198 אב. 40, ס. 2303 אב. 37, ס. 2326 אב. 41, ס. 2719 אב. 19, סעריע 2904 אב. ?, סעריע 3207 אב. 42, ס. 3263 אב. 21, סעריע 3259 אב. 1, סעריע 3282 אב. 26, ס. 3363 אב. 11, ס. 3390 אב. 45, ס. 3377 אב. 22, סעריע 3625 אב. 21, ס. 3739 אב. 19, ס. 3863 אב. 43, ס. 3908 אב. 19, ס. 4031 אב. 41, ס. 4095 אב. 8, ס. 4263 אב. 7, סעריע 4275 אב. 31, ס. 4358 אב. 21, ס. 4568 אב. 22, ס. 4652 אב. 11,

ס. 4735 אב. 8, ס. 4768 אב. 43, ס. 5397 אב. 1, סעריע 5476 אב. 24, ס. 5929 אב. 40, ס. 6015 אב. 5, ס. 6130 אב. 22, ס. 6415 אב. 2, ס. 7181 אב. 33, ס. 7433 אב 37, ס. 7693 אב. 48, ס. 7671 אב. 43, ס. 7669 אב. 31, ס. 7703 אב. 48, ס. 7760 אב. 26, ס. 8168 אב. 42, ס. 8348 אב. 37, ס. 8543 אב. 41, סעריע 8573 אב. 1, סעריע 8742 אב. 48, ס. 8802 אב. 42, סעריע 8884 אב. 26, ס. 8884 אב. 40, ס. 9362 אב. 26, ס. 9418 אב. 25, ס. 9435 אב. 33, ס. 9575 אב. 22, סעריע 9687 אב. 1, סעריע 10116 אב. 42, ס. 10292 אב. 46, ס. 10297 אב. 4, ס. 10368 אב. 24, ס. 10621 אב. 1, סעריע 10636 אב. 31, ס. 10679 אב. 40, סעריע 10812 אב. 1, ס. 11081 אב. 37, ס. 11106 אב. 42, סעריע 11144 אב. 22, ס. 11318 אב. 25, ס. 11785 אב. 8, סעריע 11970 אב. 24, ס. 12384 אב. 31, ס. 12342 אב. 19, סעריע 12390 אב. 42, ס. 12463 אב. 4, סעריע 12486 אב. 19, ס. 12539 אב. 47, ס. 12539 אב. 40, ס. 12541 אב. 48, ס. 12805 אב. 42, ס. 13402 אב. 21, סעריע 13569 אב. 40, ס. 13827 אב. 25, ס. 14080 אב. 4, ס. 14166 אב. 2, ס. 14184 אב. 7, ס. 14318 אב. 24, סעריע 14324 אב. 7, ס. 14408 אב. 2, ס. 14473 אב. 46, ס. 14906 אב. 00. סעריע 1907 אב. 40, ס. 15105 אב. 11, ס. 15138 אב. 46, סעריע 15388 אב. 40, ס. 15459 אב. 19, סעריע 16036 אב. 40, ס. 16228 אב. 19, סעריע 16339 אב. 31, סעריע 16372 אב. 40, סעריע 16403 אב. 2, סעריע 17259 אב. 37, סעריע 17423 אב. 22, ס. 17447 אב. 1, סעריע 17658 אב. 42, ס. 17660 אב. 5, סעריע 17684 אב. 33, סעריע 17793 אב. 1, סעריע 17860 אב. 41, ס. 17901 אב. 8, ס. 17987 אב. 5, ס. 18100 אב. 4, ס. 18261 אב. 33, ס. 18395 אב. 42, ס. 18523 אב. 40, סעריע 18711 אב. 46, ס. 18819 אב. 1, סעריע 18816 אב. 47, ס. 18856 אב. 40, סעריע 19302 אב. 1, סעריע 19380 אב. 7, ס. 19548 אב. 5, ס. 19663 אב. 1, ס. 19696 אב. 47, סעריע 19836 אב. 48, ס. 20283 אב. 26, ס. 20298 אב. 1, סעריע 20358 אב. 25, ס. 20553 אב. 46, ס. 20580 אב. 4, סעריע 20629 אב. 40, ס. 20878 אב. 8, ס. 20924 אב. 1, ס. 20945 אב. 1, ס. 21562 אב. 8, ס. 21786 אב. 8, ס. 21850 אב. 43, סעריע 21869 אב. 8, סעריע 22107 אב. 40, ס. 22291 אב. 25, ס. 22414 אב. 41, סעריע 2693 אב. 24, ס. 2707 אב. 8, סעריע 22847 אב. 47, ס. 22780 אב. 11, ס

טעאטער „ראזמאיטאשטשי"
צעגעלניאנא 27 — טעל. 112-25
דיר. ד. צעלמייסטער. אנפיהרער י. קרעלמאן.
ערעפנונג פון ווינטער-סעזאן
פייערליכע פרעמיערע!
פון פרייטאג, דעם 11 ד. ח. הויבען זיך אן די גאסטשפילען
פון דער יונגער בעגאבטער קינסטלערין
דינה האלפערן
צוזאמען מיט איהר פארטנער סעם בראנעצקי אין דער לעצטער שלאגער-סענסאציע!
„די מארעלקע"
אין 2 אקטען 3 בילדער פון ס. יאקיבאוו, מיט זייער אייגענעם אנסאמבל פון די בעסטע ווארשעווער ארטיסטען. געשפילט אין ווארשעווער „סקאלא"-טעאטער איבער 200 מאל נאך דער רייה. / פערגרעסערטער ארקעסטער / הערליכע אויסשטאטונג / אייגענער כאר פון ווארשא / נייע דעקאראציעס / ספעציעלע קאסטיומען.
בילעטען שוין צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער „Rozmaitości"

אביסעלע קיביץ
(הומאר פון טאג)

צוויי מעקלער אין תל אביב בעגעגענען זיך, דער-צעהלט איינער דעם צווייטען, אז ער האט היינט פער-קויפט א פלאץ צו א טוריסט.

ווי הייסט ער? — פרעגט דער צווייטער

— כ'האב פערגעסען. — ענטפערט דער ערשטער.

— קענסטו זיך נישט דערמאהנען?

— ניין, איך ווייס נאר, אז זיין פאמיליען-נאמען דערמאנט זעהר אין א ארץ ישראל'דיגע פרוכט.

— הייסט ער פיליווכט ציטראן??

— ניין.

— פיליווכט פאמעראנץ?

— ניין, אבער איך געדענק אז דער נאמען איז עפ-וואס עהנליך צווישען ציטראן און פאמעראנץ.

— אהא, ער הייסט, מן הסתם: גרעיפ-פרוכט.

* * *

ערשטער קינסטלער: (צו א צווייטען): איך האב מיינע בילדער אויסגעשטעלט אין דער ירושלימער קונסט-גאלעריע.

צווייטער קינסטלער: האסטו שוין וואס פערקויפט?

ערשטער קינסטלער: יא, מיין מאנטעל, און מיין זייגער.

זי פערטיידיגט איהר מערדער
און דער פראצעס ווערט דעריבער אפגעלעגט

(א) דאס קרייז-געריכט האט נעכטען בעטראכט דעם פראצעס פון דעם 36-יאהריגען געפעהרליכען באנדיט וואלעריאן קאצפערסקי, וועלכער איז שוין 4 מאל בעשטראפט געווארען מיט טורמע פאר רויב-אנפאלען מיט געוועהר אין די הענד.

נעכטען האט ער געזאלט געמשפט ווערען פאר'ן אריינשיסען א קויל אין קאפ פון זיין „קא-כאנקע" העלענא נאגא.

אזוי ווי אבער נאגא האט זיך אויפ'ן פראצעס גאר אנגענומען פאר'ן בלוטיגען באנדיט, און גע-טענה'ט, אז ער האט איהר געטראפען אין קאפ נישט-ווילענדיג, איז דער פראצעס אפגעלייגט גע-ווארען ביז'ן 19. ד. ח. ביז עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען, דורך א שפיטאל-קארטע, ווי אזוי זי איז פערוואונדעט געווארען.

געשטויסען פון אנ'אויטא

(א) אויף ראג פאביאניצער און וואולטשאנסקא האט בעקומען א שטארקען שטויס פון אנ'אויטא דער 34-יאהריגער הענדלער, קלמן גערשאנאוויטש (פון נאווא-זאשעווסקא 9).

פונ'ם שטויס איז גערשאנאוויטש אנידערגעפא-לען און זיך שרעקליך צושעדיגט דעם קאפ און פנים, און זיך צובראכען א האנד.

פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט ערשטע הילף און אפגעפיהרט אין שפיטאל.

פאליטישער פראצעס

(א) דאס קרייז-געריכט האט נעכטען פערמשפט דעם 30-יאהריגען ארטור ווענדע אויף 2 יאהר טורמע פאר קאמוניסטישער טעטיגקייט.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15. טעל. 149-07
ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוואכע-בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענד.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג.
פאר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזען

ר. איזראעל
משומדים
סענסאצ. שפאנענדער ראמאן פון היינטיגען יודישען לעבען
134

דער קריפעל איז שוין מעהר נישט געווען קיין מענש, ער'האט סטעפאנען געשטיקט אזוי לאנג ביז יענער האט שוין נישט גערירט מיט קיין אבר. ערשט דא האט ער זיך געכאפט, אז ס'איז מעגליך. דאס סטעפאן איז שוין ערמארדעט, ער האט אוועק-גענומען די הענד פון סטעפאנס האלז און אפגע-שפרונגען אהן א זייט. סטעפאן האט זיך נישט גע-ריהרט פון ארט, דער קריפעל איז געשטאנען און געקוקט אויף סטעפאנען, וועלכער איז געלעגען אונבעוועגליך אויף דער ערד, ער האט ערווארט, אז סטעפאן וועט זיך אויפשטעלען און וועט זיך ווארפען אויף איהם מיט'ן גאנצען כעס, ער האט זיך אבער נישט אויפגעשטעלט און זיך נישט גע-ריהרט פון ארט. דעמאלס האט דער קריפעל בעקו-מען דעם השד, אז סטעפאן לעבט נישט מעהר, ער האט זיך ווידער איינגעבויגען איבער סטעפאנען געווארפען אין פערשידענע זייטען און ערשט איצט האט ער זיך איבערצייגט, אז סטעפאן איז טויט.

דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען, נישט קוקענ-דיג אויף אלע טונקעלע געשעפטען, וועלכע ער האט געמאכט — האט דער קריפעל דערהרגעט א מענש און דעריבער האט ער זיך שטארק דערשראקען.

דער צוג איז געווען אין פולען גאנג. ס'איז נישט געווען קיין שום מעגליכקייט צו ענטלויפען פון צוג, וואו זיך צו בעהאלטען איז אויך נישט געווען. ער איז ארויסגעלאפען פון דעם וואגאן-אפ-טיילונג און געלאפען הין און צוריק איבער'ן קארי-דאר. דאס האבען בעמערקט עטליכע מענשען, וועלכע זענען געפאהרען אין דעמזעלבען וואגאן. דאס פערהאלטען זיך פון דעם קריפעל איז געווארען אויפפאלענד און עטליכע פאסאזשירען זענען אריין

אין דער וואגאן-אפטיילונג פון וואנען דער קריפעל איז ארויסגעלאפען. דא האבען זיי בעמערקט דעם ליגענדען טויטען קערפער, ס'איז געווארען א שרעק-ליכער טומעל, פון אלע זייטען האבען אנגעהויבען צו לויפען קאנדוקטארען, דער קריפעל איז פער-האלטען געווארען, ס'איז אויך באלד צוגעקומען א דאקטאר, וועלכער איז גראד געפאהרען מיט דעמ-זעלבען צוג, דער דאקטאר האט נאר געקענט קאנ-סטאטירען דעם טויט פון סטעפאנען.

אלע פאסאזשירען זענען געווען אויף איין א"ט, צווישען זיי אויך מערי מיט אידאן, אין ערשטען מאמענט האבען זיי זיך נישט אריענטירט וואס דא איז פארגעקומען, באלד אבער האבען זיי אין דער-מארדעטען דערקענט סטעפאנען, זיי האבען אויך בעמערקט דעם פערהאלטענעם קריפעל און פאר זיי איז קלאר געווארען וואס דא איז פארגעקומען

— אידא, קומט זאלען מיר אוועקגעהען פון דאנען, זאלען מיר אפילו נישט ווייזען, אז מיר קע-נען דעם ערמארדעטען.

— אבער, ליידי, ווי אזוי קענען מיר דאס.

— איהר וועט שוין גארנישט העלפען, סטעפאן איז שוין טויט און איהר קענט זיך אומשולדיג אריינ-וויקלען אין א נישט-אנגענעהמער געשיכטע.

אידא האט געהארכט, זי איז אוועק פון דעם ארט פון דער געשעהעניש צוריק צו זיך אין קופע אויף דער נאהענטסטער סטאציע האט זיך דער צוג אפגעשטעלט, דער טויטער קערפער איז אראפגענו-מען געווארען פון צוג, אויך דער פערהאלטענער מערדער איז אראפגעזעצט געווארען אויף דער סטאציע, דער צוג איז ווייטער געגאנגען און אלע האבען זיך בערוהיגט, אזוי ווי ס'וואלט קיינמאל

גארנישט פארגעקומען, בלויז די צוויי פרויען, בע-זונדערס אידא איז געווען שטארק אונטער'ן איינ-דרוק פון דעם געשעהעניש.

— וואס האט דא געקענט פארקומען? האט אידא געפרעגט, צוליב וואס איז סטעפאן געפאהרען מיט דעמזעלבען צוג וואס מיר און דער עיקר, ווי אזוי נעמט זיך דא פלוצים דער קריפעל.

דאס איז געבליבען פאר אידאן אנ'אייביגער סוד, מעהר האט זי שוין נישט געהערט וועגען דער דאזיגער פאסירונג. אידא און די ליידי לענדסבורי זענען שוין רוהיג צוגעפאהרען קיין פוילען.

קאפיטעל 34
און דער סוף...

נחום ראזען האט זיך זעהר קאלט בעגריסט מיט זיין טאכטער. ער האט אפילו נישט געוואלט צו איהר צוגעהען און האט געזאגט.

— כל זמן דו ביזט נאך נישט קיין יודיש קינד, קען איך אפילו נישט שטעהען אין דיינע ד' אמות, ערשט שפעטער ווען דו וועסט זיין א יוד, וועל איך צוריק ווערען דיין פאטער, פריהער נישט.

דאגעגען איז שרה ארויפגעפאלען אויף איהר טאכ-טער און ס'האט געדויערט א היבשע צייט ביז זיי האבען זיך אפגעריסען פון זיך, ביידע האבען גע-וויינט סיי פון גליק און סיי פון די טרויעריגע ערא-נערונגען. אין צימער איז אויך געווען די ליידי לענדסבורי, וועלכע איז געווען ערשטוינט פון דעם וואס זי האט געזעהען אין דעם יודישען הויז. די ליידי האט נישט געוואלט אנדערשוואו וואוינען ווי נאר ביי אידאן אין הויז, נחום ראזען האט אבער נישט דערפון געוואלט הערען אזוי לאנג ווי זיין טאכטער וועט נישט צוריק ווערען קיין יוד, נחום האט זיך דעריבער ענערגיש גענומען צו ערלעדיגען אלץ וואס איז אין דער הינזיכט געווען צו טון, באלד אויף צומארגענס איז נחום מיט זיין טאכטער אוועק צום רב, דארט איז אלץ ערלעדיגט געווארען אויפ'ן ארט, ווייל אלע פארמאליטעטען זענען שוין געווען צוגעגרייט, אהיים פון רב איז שוין אידא געגאנגען א יודישע.

נחומס גליק איז געווען נישט צו בעשרייבען, ער האט אינגאנצען געשיינט פאר שמחה און האט אנגעהויבען אויסצופרעגען זיין טאכטער, אז זי זאל איהם דערצעהלען מיט אלע פרטים וואס איז מיט איהר געשעהען פון מאמענט אן ווען זי איז אוועק פון איהר עלטערנס הויז, פאר אידאן איז דאס נישט געווען קיין אנגענעהמע מיסיע, אבער זי האט דעם פערלאנג פון איהר פאטער ערפילט און בעקומען פון איהם די הסכמה אין ענטשפרעכענדען מאמענט צוריקצופאהרען צו סאבאן, וועלכע האט אויף איהר געווארט.

די ליידי לענדסבורי האט פון דעמאלט אן געוואוינט ביי נחום ראזען אין שטוב, זי האט נישט געקוקט אויף די אונבעקוועמליכקייטען, וועלכע זי האט געהאט אין נחומס וואוינונג, וואו זי איז געווען מיט אידאן אין איין צימער. דא האט זי גע-ארבייט, געלעזען, אויפגענומען אינטערעסאנטען. צוזאמען מיט אידאן האט זי זיך בעקענט מיט די יו-דישע פראבלעמען, מיט דעם יודישען עלענד, מיט דער יודישער נויט און מיט די יודישע בעדערפע-נישען, דא האט זי, צוזאמען מיט אידאן, אויסגע-ארבייט איהרע פלענער אויף דער צוקונפט, די ליידי האט זיך געפיהלט גליקליך, זי האט זיך קארעספאנ-דירט אפט מיט איהר פאטער און אין די בריף אויס-געדריקט איהר גליק צוליב דעם.

אין נחום ראזענס שטוב האט געהערשט רוה, גליק און פרייד אזוי ווי אין די אמאליגע יאהרען.

— — — — — — — — — —

הערמאן פאוסט איז צוריקגעקומען פון לאנדאן, ער האט זיך געפיהלט שטארק אויסגעמאטערט און מיד צוליב די אלע איבערלעבענישען אין לאנדאן, ער האט נישט צוויי'טען געגעבען האנקאן, אז ער קומט, כדי ער זאל האבען אביסעל צייט זיך אויס-צורוהען, און ער האט טאקע אזוי געטון, ערשט אויפ'ן דריטען טאג האט ער צוויסען געגעבען האנ-קאן, אז ער איז געקומען צוריק פון לאנדאן און זיך אפגעשמועסט מיט איהר זיך צו טרעפען אין דעמ-זעלבען אווענד.

(סוף קומט)

קירצליך א גרויסע איבעראשונג פאר יודען

די ריהרענדע דראמע פון יודישען לעבען
בר=מצוה

אין די הויפטראלען:
בארים טאמאשעווסקי
יאסעל ראזענבלאט

1-טער אריגינעלער אמעריקאנער 100-פראצענטיגער קלאנג-פילם, גערעדט און געזונגען **אין יודיש**

אויסגערדעם אין דעמזעלבען פראגראם די גרויסע רעוויוּ אין 8 אקטען אין דער יודישער שפראך

„געזעגט און געלאכט“
„CZARY“

קירצליך אין קינא

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען
(א ו י פ ר ו ף)

די ליגע פאר ים- און קאלאניען אין די איינציגע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע אין פוילען, וועלכע האט די אויפגאבע צו שטיצען די פוילישע ארבייט אויפ'ן ים.

פאר אונז, פוילישע יודען האט די ענטוויקלונג פון דער פוילישער ים-שטארקייט אזא וויכטיגע בעדייטונג ווי פאר'ן גאנצען פוילישען פאלק, מיט וועלכען מיר ווילען ארבייטען אין די גרעניצען פון דער מלוכה פאר'ן נוצען פון דעם דורכלויכטענדען און אומאפהענגיגען פוילען.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו דער גאנצער יודישער געזעלשאפט זי זאל אונטערשטיצען די ליגע פאר ים- און קאלאניען, וועלכע ציעלט פונאנדערצובויען אונזער קריגס-פלאט און ענטוויקלען אונזער ים-האנדעל מעבר לים.

מיר רופען אייך דעריבער איהר זאלט שענקען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט דער ליגע פאר ים- און קאלאניען, איהר זאלט אריינטרעטען אין די רייהען פון איהרע מיטגלידער, איהר זאלט שענקען נדבות ווי עס ווערט דערמאהנט אין די אויפרופען פון אונזערע צדיקים און רבנים:

גאנץ בעזונדערס ווענדען מיר זיך צו אייך איהר זאלט בעלעגען אייערע נדבות פאר'ן פ. א. מ. וועלכע די ליגע זאמעלט און איינצאהלען וויפיל איטליכער קען אויפ'ן חשבון פון פ. ק. א. 30,680

אברהם מרדכי אלטער, גערער רבי
מרדכי מענדעל אלטער פאביאניצער רב
אהרן רוקח, בעלזער רבי
שלמה איגר, ראש „ישיבת חכמי לובלין“
יצחק מנחם דאנציגער, אלעקסאנדערער רבי
משה מרדכי טווערסקי, לובלינער רב
משה נחום טווערסקי, זוהן פון טריסקער מגיד—ווארשא.

גיט נדבות אויפ'ן פאנד פון ים-פארטיידיגונג פ. ק. א. 30,680.

אפעל צו דער לאדזער יודישע בעפעלקערונג
אויסזאווענדונג צו דער לאדזער יוד. גמינע
(בריף אין רעדאקציע)

מיר יודישע קראנקע אין דער צאהל פון 200 וואס ליגען אין ראדאגאשטשער שפיטאל, ווענדען זיך צו דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג, האט רחמנות אויף אונז און לאזט נישט אונז עסען טרפות, גענוג, וואס מיר עסען טרפות א גאנץ יאהר, אבער אין יום-טוב טעג פאסטען מיר ליבער, איידער צו עסען טרפות. ר"ה יו"כ איז א דאנק הרב סילמאן אונז בעזארגט געווארען מיט עסען, פאר וועלכען מיר דאנקען איהם זעהר און אויך דעם קאמיטעט, וואס האט זיך מיט דעם בעשעפטיגט. אבער אויף סוכות קומט אונז אויס צו פאסטען, דען די ארימע ראדאגאשטשער יודען קענען נישט אונז פערזארגען מיט עסען.

וואו איז די לאדזער יודישע געזעלשאפט? וואו איז די לאדזער יודישע גמינע?

מיר האפען, אז מען וועט אונזער בקשה ערפילען און מיר דאנקען פאראויס.

עס פאלגען 200 אונטערשריפטען

פייערליכע גרונדשטיין=לעגונג
פון א נייעם שול-בנין אין לאדז

נעכטען איז פארגעקומען די פייערליכע גרונדשטיין-לייגונג פון א נייעם שול-בנין אויף עק אלשטינסקא און מאצקעוויטשא.

אין דער פייערליכקייט האבען אנטיילגענומען דער ביסקופ יאשינסקי. וויצע- וואיעוואדע פאטאצקי, שטאט-פרעזידענט גלאזעק וויצע-פרעזידענט קאזלאווסקי, פולק. האבערלינג, שול - אינספעקטאר דאבראוואלסקי, דירעקטאר פון דער שטאט פערוואלטונג קאלינאווסקי, סעקרעטאר פון שטאט פרעזידענט יאווארסקי, לייטער פון דער בילדונג אפטיילונג וואלטראטום, קאמענדאנט געדזשעלסקי פארשטעהער פון דער מלוכהשער, זעלבסטפערוואלטונגס מאכט, פרעסע און געזעלשאפט.

נאך דער תפילה וועלכע ס'האט אפגעריכט דער ביסקופ יאשינסקי האט געהאלטען א רעדע דער שטאט-פרעזידענט גלאזעק, ער האט אנגעהויבען מיט פאלגענדע ווערטער: „ווער ס'בויט פאלאצען פאר קינדער, דער ברעכט די טויערן פון טורמעס“. דער פרעזידענט האט אנגעוויזען אז אין יאהר 1914 זענען אין די פאלקס שולען אין לאדז געווען 8500 קינדער, איצט זענען פאראן 74 טויזענד, לאדז האט זייט 1918 אויסגעבויט 12 הערליכע בנינים פאר די פאלקס-שולען, דער איצטיגער בנין ווערט מיט א פיוון געשטעלט אין סאמעהארץ פון די ארבייטער.

דאן האט גערעדט דער דעלעגאט פון שול-קוראטאריום דער אינספעקטאר דאבראוואלסקי. דער פארזיצער פון דער געזעלשאפט צו שטיצען דאס בויען פון פאלקס שולען א. אנד.

די פייערליכקייט איז פערענדיגט געווארען מיטן אדורכלייענען און אונטערשרייבען דעם פייערליכען ערעקציע אקט, וועלכער איז איינגעמויערט געווארען אין די פונדאמענטען פון שול בנין.

צו אונזערע לעזער!

ערב סוכות הויבט זיך אן צו דרוקען אין
„נייעם פאלקסבלאט“
אנ'אויסערגעוועהנליך
שפאנענדער ראמאן

דער נייער ראמאן איז געבויט אויף אמת'ע פאקטען און אויף סענסאציאנעלע וואהרהאפטע פאסירונגען.

די האנדלונג אין דאזיגען ראמאן ענטוויקעלט זיך ארום א לעגענדארן העלד, וועלכער בעוויזט איבערנאטירליכע און שטוינענדע העלדישקייטען

דער נייער ראמאן וועט זיך לעזען מיט'ן גרעסטען אינטערעס פון אנהויב ביז'ן סוף.

מעסער שטעכעריי

(א) אויף 6-שיערפיען-גאס 96 האט א הייפעל שיכור'ע מעסער-שטעכער צושטאכען מיט מעסערס די לאקאטארען פון דעם הויז — הענריק און אנטאני שימטשאק און סטאניסלאוו און אנטאני רודניצקי, וועלכע מ'האט געמוזט אפפיהרען אין שפיטאל.

די מעסער-שטעכער זענען אנטלאפען און פאליציי זוכט זיי.

צווישען שוואגערס

(א) אויף וואשעשניעווסקא 105 איז אויסגעבראכען א געשלעגן צווישען הענריק פאצאנאווסקי (פון פאלנא 25) און זיין שוואגער לעוויצקי.

ווען לעוויצקי האט א כאפ געטון צו פאצאנאווסקי'ן א מעסער, איז דער לעצטער ארויסגעשפרונגען דורכ'ן פענסטער אויפ'ן הויף און איז שטארק צושעדיגט געווארען. מ'האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

פאליציי פיהרט אנ'אויספארשונג.

Dr. med. H. LUBICZ
פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעליאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
צוריקגעקעהרט
עמפפאנגס-שעה'ן 8—10, 12—2 און 5—8 אווענד'
זונטאג פון 9—11 בייטאג און יום-טוב פון 9—1

טעאטער, מוזיק און פערוויילונג
(קאמוניקאטען)

קאנצערט פון פאלקס-כאר און פידעל-ווירטואז מ. נוימילער.

זונטאג דעם 13טען אקטאבער 12 בייטאג קומט פאר אין פילהארמאניע א קאנצערט פון פאלקס-כאר ביי דער געז. „קולטור ליגע“ דער כאר וועלכער האט זיך קונה שם געווען מיט זיין קאנצערט אין העלענאוו אין יולי ה.י. טרעט דאס מאל אויף און מיט א ניי פראגראם אין פילהארמאניע אונטער דער ליטונג פון פראפ. רידער, אויסער חעם נעהמט אין קאנצערט אנטייל מיט א פידעל-רעציטאל דער יונגער פידעל ווירטואז מ. נוימילער.

גאסטשפילן פון דינה האפערן אין לאדז

סוכות הויבען אן אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי“ די גאסטשפילען פון דער יונגער בעגאבטער קינסטלערין דינה האלפערן צוזאמען מיט'ן בעקאנטען ארטיסט סעם בראנעצקי, וועלכע האבען אין ווארשאווער „סקאלא“-טעאטער אויפגעטרעטען א גאנץ יאהר מיט גרויס ערפאלג.

דער רעפערטואר איז דער נייעסטער און דער שענסטער אין איז גוט איינגעשפילט.

די ערשטע פיעסע, וואס ווערט געשפילט ווערען איז די „מאדעלקע“, וועלכע איז שפאנענד און סענסאציאנעל מיט פראלאג און עפילאג. צוזאמען מיט דער קינסטלערין דינה האלפערן און סעם בראנעצקי קומט אויך מיט אנ'ערשטקלאסיגער אנסאמבל. ווי אויך א דאמען-כאר און נייע דעקאראציעס, מיט איין ווארט, דאס וועט זיין א פארשטעלונג פון א יום-טוב'דיגען נענום.

פון פוילישען טעאטער.

היינט מיטוואך ווערט אין שטאטישען פוילישען טעאטער געשפילט „דאס איז מעהר ווי ליבע“. אנהויב 7.30 אווענד.

הערבסט מאדע - רעווי

דעם קומענדיגען זונטאג דעם 13 ד. ח. וועט דורך דער בעמיהונג פון דער לאדזער האנדווערקער קאמער פארקומען אין שטאטישען טעאטער „א גרויסע הערבסט מאדע-רעווי“.

אין דער רעווי וועלען אנטיילנעהמען די אנגעזעהענסטע פירמעס און לאדזער האנדעלס-פלאצובקעס. דער קאמיטעט גרייט צו א רייח איבעראשונגען מיט דער בעטייליגונג פון לאדזער ארטיסטען.

יום כיפור אין דער ווילקער שוהל

דאס דאווענען די ימים-נוראים אין דער ווילקער שוהל טראגט א ספעציעל פייערליכען כאראקטער און נאך מעהר, זעהט מען דאס אן יום-כפור. איבערהויפט ביי כל-נדרי, ווען די שוהל איז געפאקט מיט מתפללים. אין א גרויסער מאס איז דאס צו פערדאנקען, וואס אין דער שוהל איז שוין פון לאנגע יאהרען דא א חזקה אויף גוטע בעלי-תפלות און איבערהויפט אויף א גוטען חזן. אין דער איצטיגער חזן פון דער ווילקער שוהל ר' לייב האסקי, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען אלס איינער פון די גלענצענדסטע חזנים אין אונזער שטאט, האט דאס טאקע נאך אמאל בעוויזען, מיט זיין הארציגען דאווענען, אז ער איז ראוי צו פערנעמען דעם דאזיגען אמט. הרב שמחה טרוויסאמאן האט מיט זיין דרשה פאר קריאת התורה איבער אונזערע פערפאלגטע ברידער אין דייטשלאנד, איבערגעלאזען אויף די מתפללים א געוואלדיגען איינדרוק.

קלאנג=קינא=טעאטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26.
היינט און פאלגענדע טעג!
גרויסער דאפעלטער פראגראם
— I —
„Piotruś“
אין די הויפט-ראל די געניאלע
Franciszka GAAL
— II —
„פריינד און געליבטע“
מיט **LILI DAMITA**
און **A. MENJOU**
אין די הויפט-ראלען.
אנהויב פון די סעאנסען 4 נאכמ.
שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג.

דאס לעבען אין ווארשא
(טעלעפאנישע ידיעות פון דער הויפט-שטאט)

פאליטישע נייעס.

דער גענעראל-אינספעקטאר פון דער ארמעי גענ. רידז-שמיגלי, האט אויפגענומען דעם סיים-מארשאלעק צאר און סענאט-מארשאלעק פריסטאר, וועלכע האבען דעם גענעראל-אינספעקטאר אפגעשטעלט א וויזיט צוליב דעם אננעמען פון זייערע אמטען.

די מארשאלקעס האבען אויך אפגעשטעלט וויזיטען דעם פרעמיער סלאוועק און קארדינאל קאקאווסקי.

* * *

דער אויסערן-מיניסטער בעק האט אויפגענומען די אמבאסאדארען פון פראנקרייך, ענגלאנד און דייטשלאנד.

מיניסטער פלאריאן רייכמאן האט אויפגענומען דעם בעלגישען אמבאסאדאר און דעם דירעקטאר פון דער סאוויעטישער האנדעלס-פערטרעטונג אין פוילען טאמארין.

* * *

נעכטען איז דער סיים-מארשאלעק צאר בעגריסט געווארען פון די בעאמטע פון דער סיים-קאנצעלאריע. אין נאמען פון די בעאמטע האט בעגריסט דער קאנצעלאריע-דירעקטאר רוטקאווסקי. דער מארשאלעק האט אפגעענטפערט אויף די בעגריסונגען.

* * *

דעם 7 ד. ח. זענען אין ווארשא אויסגעטוישט געווארען די ראטיפיקאציע-דאקומענטען צווישען פוילען און האלאנד, וואס זענען אונטערגעשריבען געווארען דעם 11-טען דעצעמבער 1933. מצד פוילען האט אונטערגעשריבען יאן שעמבעק, פון האלאנד -- דער האלענדישער געזאנדטער אין ווארשא קארסטען.

דער בוי-פאנד אויפן דענקמאל פארן מארשאל פילסודסקי.

דער בוי-פאנד אויפ'ן דענקמאל פאר'ן מארשאל פילסודסקי, פאר וועלכען ס'זענען ביז איצט אסיגנירט געווארען א מיליאן זל. פון דער ווארשאווער שטאט-פערוואלטונג און א מיליאן פון צענטראלען אינדוסטריעלער-פערבאנד זענען אויך אריינגעקומען שפענדען אויף א סומע פון 154,902 זל.

קאנטראלעס אין צוקער - בעקערייען

די שטאטישע סטאראסטווע איז צוגעטרעטען קאנטראלירען די צוקער-בעקערייען. דאס אויסבאקען אין די צוקער-בעקערייען געווענליכע געבעקס איז פערבאטען.

קאמף מיט פראסטיטוציע.

די ביזאיצטיגע מיטלען געגען פראסטיטוציע האבען נישט געבראכט קיין רעזולטאט. אין די נאהענטסטע טעג וועט פערעפענטליכט ווערען אנ'אוסטאוו וועגען פראסטיטוציע.

געפעהרליכער באנדיט ארייגעפאלען אין די הענד פון דער פאליציי.

אין שעדלעצער געגענד זענען די לעצטע צייט אויסגעפיהרט געווארען א גאנצע רייהע רויב-אנפאלען און מארדען, די פאליציי האט זיך דערוואוסט, אז די רויבען און מארדען פיהרט אויס דער געפעהרליכער באנדיט טשוכלעבא, וועלכער האט די פאליציי בעגעגענט מיט א שיסעריי פון צוויי רעוואלווערען. נישט קוקענדיג וואס ער איז פערוואונדעט געווארען, איז איהם דאך געלונגען צו אנטלויפען. ער איז אבער ווידער אריינגעפאלען. ער האט ווידער געשאסען פון צוויי רעוואלווערען און סוף כל סוף האט ער זיך אונטערגעגעבען. א געשמידטען אין קייטען איז ער אפגעפיהרט געווארען קיין שעדלעץ אין דער הפיסה.

קאנטראלע אויף גאסען-זייגערס.

די סטאראסטווע האט דעלעגירט א ספעציעלע קאמיסיע, וואס וועט אכטונג געבען אויפ'ן פינקטליכען געהען פון די רעקלאמע-זייגערס. די זייגערס וואס געהען נישט פינקטליך, וועלען מוזען פערהאנגען ווערען, כדי נישט אריינצופיהרען דאס פובליקום אין טעותים.

א גאס דורך קראשינסקים גארטען.

ס'איז ענטשטאנען א פראיעקט אדורכצופיהרען א גאס דורך קראשינסקיס גארטען.

פעלדשערס טארען זיך נישט פערנעמען מיט מעדיצינישע פראקטיק.

די אויפזיכטס-מאכט האט געלעגט אכט אויף פעלדשערס, וואס נישט קונעדיג אויף דער פעראָרדנונג, פערנעמען זיי זיך מיט היילען קראנקע. די וואס פערנעמען זיך מיט פראקטיק, וועלען צוגעצויגען ווערען צו גע'יכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

פערוואלטונג פון קריסטליכע פריזיער־אר בייטער־פעראיין

(א) נעכטען איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער ניי־קאנסטיטואירטער פערוואלטונג פונ׳ם פראפעסיאנעלען פריזיער־ארבייטער־פעראיין, וואס זענען ארגאניזירט ביי ז. ז. ז.

אין דער נייער פערוואלטונג זענען אריין, מיכאלסקי (פארזיצער), פריד־רישיאק (סעקרעטאר) און יוזשוויאק (קאסירער).

פון די געגריוועטע שיסטערס

אין שוסטער־צעך (פאלודניאווא 22) איז פארגעקומען א פאך־פערזאמלונג פון די געגריוועטע שוסטערס אויף וועלכע ס׳איז ארומגערעדט געווארען די איצטיגע קאטאסטראפאלע לאגע אין פאך צוליב דער גרויסער קאנקורענץ אין דער בראנזשע. נאך א לאנגער דיסקוסיע איז בעשלאסען געווארען צו שאפען אנ׳איינהייטליכען פרייז מיט דער הילף פון דער האנדווערקער־קאמער.

צום סוף איז געוועהלט געווארען א קאמיסיע פון פאלגענדע ה״ה, אין וועלכען ס׳זענען אריין: ש. יאטקעוויטש, א. שלאמאוויטש, י. פיטקעוויטש, ב. לויפער, י. רובינשטיין, ש. פרעצעל און ח. פוקס.

פון דער ציונ. ארגאניזאציע

זיצונג פון ציוניסטישען קאמיטעט

אונטער׳ן פארזיץ פון ד״ר ראזענבלאט איז פארגעקומען א זיצונג פון ציוניסטישען קאמיטעט.

פאר׳ן אנהויב פון דער זיצונג — די ערשטע נאך די זומער־פעריען — ווערט לויט׳ן פארשלאג פון פארזיצער, בעעהרט דורך אויפשטעהען דער אנדענק פון הרב יצחק קוק ז״ל און פון די פערשטארבענע ציוניסטישע וועטעראנען י. ל. גאלדבערג ז״ל און י. ל. ווילענסקי ז״ל.

ד״ר ראזענבלאט און ה׳ שאפירא גיבען דערויף אפ א בעריכט פון דער לעצטער זיצונג פון פארטיי־ראט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען און רעפערירען וועגען די פערשידענע פראגען, וועלכע זענען געשטאנען אויף דער טאג־ארדנונג פון פארטיי־ראט.

עס וועט בעשלאסען איינצוארדענען חוה״מ סוכות א פערזאמלונג, אויף וועלכער די דעלעגאטען צום ציוניסטישען קאנגרעס וועלען אפגעבען א בעריכט פון 19־טען קאנגרעס.

ה׳ ליטווין רעפערירט וועגען ארגאניזאציא־נעלע ענינים. נאך א מיינונגס־אויסטויש ווערט בעשלאסען אונטערצונעמען א ספעציעלע אקציע אויף צו פערגרעסערען די מיטגלידער־צאהל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און צו דעם צוועק וועלען די נאהענטסטע טעג, בעזונדערס חוה״מ סוכות, געווידמעט ווערען דער יורביר־ארבייט פאר דער ארגאניזאציע.

אין צוזאמענהאנג מיט דער ארגאניזאציע־ארבייט ווערט אויך בעשלאסען צו מאכען פארברייטונגען אויף ארויסצוגעבען א פעריאדישע צייטשריפט פון דער היגער ציוניסטישער ארגאניזאציא.

ה׳ שאפירא רעפערירט וועגען דער ארבייט פון דער טוריסטישער אפטיילונג ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. עס ווערט בעשלאסען צו פערברייטערען די טעטיגקייט פון דער אפטיילונג.

עס ווערען נאך אויסגעהערט און גענומען צו קענטניש:

1) א בעריכט פונ׳ם אפשידס־אוונד, וואס איז איינגעארדענט געווארען לכבוד דעם פערדינסט־פולען ציוניסטישען עסקן, דעם ג. לאוניק אלעקסאנדער יאעל, צוליב זיין אפפאהרען מיט דער פאמיליע קיין ארץ־ישראל, 2) א בעריכט פון קרן־היסוד, 3) א בעריכט וועגען דער לאגע אין „הנוער־הציוני״, — און דערמיט ווערט די זיצונג געשלאסען.

ראדיא־פראגראם

מיטוואך ד. 9־טען אקטאבער

6.34 — גימנאסטיק. 6.50 — פליטען. 8 — אוידיציע פאר שולען. 11.57 — צייט־סיגנאל. 12.03 — ידיעות. 12.15 — שמועס. 12.30 — פליטען. 1.30 — פליטען. 3.12 — בערזע. 3.25 — עקספארט. 3.30 — קאנצערט. 4 — שמועס פאר קינדער. 4.20 — פידעל־קאנצערט. 5 — פעליעטאן. 5.15 — סקאנדינאווישע מוזיק. 5.50 — אויסלענדישער הומאר. 6 — קאנצערט. 6.30 — רעפעראט. 6.45 — פליטען. 7.20 — רעקלאמע־קאנצערט. 7.35 — ספארט. 7.50 — רעפארטאזש. 8 — מוזיק. 8.40 — רעפארטאזש. 8.50 — אוונד־ידיעות. 9.05 — שאפינ׳ס שאפונגען. 9.35 — ליטעראַרישע סקיצע. 9.50 — שמועס פאר דאקטוירים. 10 — קאמישע אפערע. 11 — ידיעות, קאמוניקאטען. 11.05 — פליטען.

Dr. med.
HALTRECHT
ספעציעל־ארצט פאר הויט־, געשלעכטס־קראנקהייטען און מענער־שוועכע
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעהמט אן פון 8 פריה ביז 2 מיטאג און פון 5 ביז 9 אוונט
זונטאג פון 10—1 ייטאג. אלע ארטען אנאליזען
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן

פראנק־גאוואלע
טראוגוטא 16

י. שווארצבערג׳ס בעוואוסטער
קאפעליש־ווארשטאט געפינט זיך יעצט
נעמט אן צו פאסאנירען מענער און דאמען־היט. בעזיצט א גרויסען אויסוואהל פון מענער און דאמען־היט צום יעצטיגען הערבסט־סעזאן, פינקטליכע אויספיהרונג, קאנקורענץ־פרייזן.

קלאנג־קינא
CAPITOL
זאוואדזקא 16

היינט פרעמיערע!
SHIRLEY TEMPLE
אין דעם פרעכטיגען פילם א. נ.
„לאבעדיגע אויגען"
אויף די פריהמארגען־פארשטעלונגען און
אויף די ערשטע סעאנסען זענען די פרייזען
פון 54 גר. אן
אויסערן פראגראם: אקטואליטעטען פון דער גאנצער וועלט.
אנהייב 4.30 נאכמיטאג, שבת און זונטאג 12.30 בייטאג.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי אנ׳אנאנס ביז 15 ווערטער 1 זלאטי

צו פערמיטען 1 אדער 2 צימער און קוך, א געוועלב — קילינסקיעגא 50. צו ערפאהרען ביים וועכטער.

פערשידענעס

א מאהאגאניאווע שלאפצימער עווענטועל בעטען מיט אונזיכטבארע שענקלען געלעגענהייטליך צו פערקויפען. 6־טער שערפיצן 37, וו. 6. צו בעזיכטיגען פון 12—10 און פון 4—6 נאכמ.

געהענדיג פון קילינסקיעגא 40 ביז פאמארסקא 19 צום דאוונען האב איך פערלוירען א קיטעל. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען אפצוגעבען צו פיינענבוים, קילינסקיעגא 40.

צו די ה״ה גנבים! פאהרענדיג נעכטען אויפ׳ן טראמוואי נומער 5 האט מען מיר ארויסגענומען א פארטפעל מיט וועקסלען און פראטעסטען, וועלכע האבען פאר קיינעם קיין ווערט נישט. אלע בעווארנישען זענען געמאכט. אבצוגעבענען נעגען בעלוינונג צו ראזענבערג, פיעטריקאווער 16, אדער טעלעפ. 16=194. דיסקרעציע בעזיכערט.

א קומערנאס בעדע־אויוועז א געגוצטען צו פערקויפען w Zakładzie Kotlarskim, Brzezińska Nr. 17, tel. 257-05.

Zagubiony kwit inkasowy Banku Kupiecko - Kredytowego za Nr. 516080 na imię H. Majl, Al. I maja 15. Kwit unieważnia się. 1905

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען
שערפיצע 37 (בענעדיקטא) 6.
נעהמט אן פון 5—7 נאכמ.

פרייע פאסטענס

ס׳ווערט נעבויכט א טעשלערין צו א נייה־מאשין צו סוועטערס, ווי אויך א רעפעזירקע צו סוועטערס ביי יאנושעוויטש, אלטשטאדט 3.

א מיידעל צו סוועטערס איז נויטיג ביי ראכמאן, זאוואדזקא 20. 1920

נויטיג א קוואליפיצירטע שפולערין צו וואל אויף קראפט. 11. ליסטאפאד 19, וואלינונג 10.

Potrzebny chłopiec na posyłki i do sprzątania. Zgłaszać się od 10—12 Rotenberg, Nowomiejska Nr 1. 1909

לאקאלען

1, 2 און 3 שטובען מיט קוכען — ב עקוועמליכקייטען — צו פערמיטען. ערפאהרען שרודמיעסקא 56 ביים ווירט.

צו פערדינגען א שטוב און א קוך פראנט מיט א באלקאן. צו ערפאהרען גרינער מארק 10, צוקערניע קליינמאן.

א קעלער אויף קויהלען אדער אנד. זאכען איז איבערצוגעבען, זאכאדניא 24. צו ערפאהרען אויפ׳ן ארט.

צו פערמיטען זאפארט אויף פראנציסקאנער גאס אנ׳איינגעפיהרט געוועלב, א יאטקע, וואס עקזיסטירט שוין 12 יאהר. עס קען זיין אויף אנדערע זאכען אויך. צו ערפאהרען אויף פאמארסקא גאס 35 ביי א. צוקערמאן.

הערקשטעל פון שירמס און שפאציר־שטעקענס
ס. פייגענבוים
לאדז, נארוטאוויטשא 19
עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען־ און מענער־שירמס און שטעקענס צו קאנקורענץ־פרייזען
נעמט אן אלערליי רעפאראטורען פון שירמס און שטעקענס.

ערשטע, גרויסע, וויסנשאפטלעכע ענציקלאפעדיע אין יידיש
דובנאוו־פאנד. פאריז
שוין דערשינען דער ערשטער באנד פון דער
אלגעמיינער ענציקלאפעדיע אין יידיש
אין 20 בענדער
א קוואל פון וויסן. אלע צווייגן פון וויסנשאפט: די אנגעזעענסטע יידישע וויסנשאפטלער און שריפטשטעלער זענען פארטראטן אין דער ענציקלאפעדיע.
צוואנציק בענדער גרויסן פארמאט.
פינף טויזנט זייטן. פינף מיליאן אותיות.
טויזנטער צייכענונגען, דיאגראמען, אילוסטראציעס, געאגראפישע קארטעס, קינסטלערישע בילדער.
פערציק טויזנט זאכווערטער, איינגעטיילט אין זיבעצן אפטיילן לויט פארשידענע געביטן פון וויסן.
דאס יידישע לעבן און שאפן פון אמאל און היינט פארנעמט א דריטל פון דער ענציקלאפעדיע.
פרייז פאר יעדן באנד
אין פראכט־באנד — 24 זל.
אין האלב־לעדער — 27.50 זל.
פארטא 1.20 גר.
דיך ווענדן:
אין „קולטור־ליגע", זאכאדניא 68, טעל. 191-15
צו ה. זילבערבערג יעדן טאג פון 8 ביז 9 אוו.

Dr. med.
H. RGZANEK
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראנק
Narutowicza 9
tel. 128-98
נעמט אן פון 9—1
פארמ. און פון 5—9

לעטשניצע
פאר ווענערישע־קראנקע
מענער־שוועכע און הויט־קראנקהייטען
פון דאקטוירים־ספעציאליסטען
פיעטריקאווער 45
טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אוונט.
פרויען און קינדער נעמט אן א פרוי דאקטאר
א בעראטונג 3 זל.

DR. MED.
Szymon Grynberg
פילסודסקיעגא 55. טעל 168-58
(ארדינירט זומער אין ווישניאווא־גורא)
צוריקגעקעהרט
נעמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.

Dr. med.
G. GERSZTAJN
ספעציאליסט פאר אויגען־קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Traugutta 12, tel. 175-10
נעמט אן פון 11 ביז 2 און פון 5 ביז 8[30].

שנעל־דרוקעריי
בראמבערג
צעגעלניאנא 6. טעל. 255-09
פיהרט אויס:
בריף־בויגען, קאנווערטען, רעכנונגען, קוויטאנציעס, פערלאבונגס־ און חתונה־קארטען, וויזיט־קארטען, פירמע־ און קאמפעקציע־עטיקעטען, שטרייף־באנדראלען
רעעלע מארערן שנעלע אונז פרייז

Dr. ALTERMANOWA
פרויען־קראנקהייטען און אקושעריע
וואוינט יעצט
Sienkiewicza 20
telefon 177-27.

Dr. med. Niewiażski
ספעציאליסט פאר טריפער, סיפיליס און הויט־קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע
אבדזשעיא 5, טעל. 159-40
פראגא. 1־טער שטאק.
נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום־טוב פון 9—1 פארמיטאג.
בעזונדערער ווארטע־זאל פאר פרויען

Dr. J. Herszfinkiel
ספעצ. פאר קינדער־קראנקהייטען
צוריקגעקומען
נעהמט אן ביי זיך זשעלאזנא 8a, טעל. 111-87
ווי אויך אין לעטשניצע „פאמאץ" אלעקסאנדראווסקא 1.

אנאנסען־פרייז פאר א מילימעטער־שורה

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub   Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 26.